STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01516

SAKO-VANZETI

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאקא-וואנזעטי

די געשיכטע פון זייער מאַרטירערטום

מיט אַן איינלייטונג

פון

מלך עפשטיין




Ag. 4 - 1927
Charlestown State prison

My Dear friends and comrades
From the death cell we are just informe from the defense committee that the governor Fuller he decide to kill us Ag. the 10th. We are not surprise for this news because we know the capitalist class hard without any mercy the good soldiers of the revolution. We are proud for death and fall as all the anarchist can fall. It is up to you now, brothers, comrades! as I have tell you yesterday that you only that can save us because we have not faith in the governor for we have always know that the gov. Fuller, Thayer and Katzmann are the murder.
My warm fraternal regards to all
Nicola Sacco

(דאָס איז די איבערזעצונג)

טשאַרלסטאַן סטייט טורמע,

אויגוסט 4, 1927.

מיינע טייערע פריינט און חברים:

אין דעם טויטן צעל האָט מען אונז ערשט געלאָזט וויסן פון דער דעפענס קאָמיטע, אַז גאָווערנאָר פולער האָט באַשלאָסן אונז צו דערמאָרדן דעם 10טן אויגוסט. מיר זיינען ניט איבער־ראַשט פון די נייס, ווייל מיר ווייסן, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז אומ׳ברחמנות׳דיק צו די גוטע סאָלדאַטן פון דער רע־וואָלוציע.

מיר זיינען שטאָלץ מיט׳ן טויט. מיר שטאַרבן ווי אַלע אנאַר־כיסטן זיינען געשטאָרבן. עס ווענדט זיך איצט אָן אייך, ברידער און חברים, ווי איך האָב אייך שוין נעכטן געזאָגט, אַז איר זיינט די איינציקע וואָס קענט אונז ראַטעווען, ווייל מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין צוטרויען צום גאָווערנאָר. ווייל מיר האָבן אַלע־מאָל געוואוסט, אַז גאָווערנאָר פולער, טהייער, און קאַצמאַן זיינען די מערדער.

מיט וואַרימע ברודערלאַכע גרוסן צו אַלעמען,

ניקאָלאַ סאַקאָ.

ניקאָלא סאַקאָ (1927 — 1894)



August 4, 1927
From the Deathhouse

Governor Alvan T. Fuller is a murderer as Thayer, Katzmann, the State perjurers and all the other. He sake hand with me like a brother, make me believe he was honestly intentioned and that he had not sent the three carborundum boy to have no escuse to save us.

Now, ignoring and denied all the proofs of our innocents and insult us and murder us We are innocent.

This is the war of plutocracy against liberty, against the people.

We die for Anarcy. Long life Anarcy.

Bartolomeo Vanzetti.

(דאָס איז די איבערזעצונג)

פון דעם טויטן הויז,
אויגוסט 4, 1927.

גאָווערנאָר אַלוואַן ט. פולער איז אַ מערדער, פונקט ווי טהייער, קאַצמאַן, די געשוואָרענע ריכטער און אַלע אַנדערע. ער האָט געשטעקט העגט מיט מיר ווי מיט אַ ברודער, געוואָלט מיך מאַכן צום גלויבן, אַז ער איז אַ מענטש מיט ערלאַכע מאָטיוון, און אַז דאָס הרג'ענען די דריי מענטשן פון שטאָל איז ניט געטאָן געוואָרן אָן אַ מעגלאַכקייט צו ראַטעווען אונז.

איצט, איגנאָרירנדיק און צוריקווייזנדיק אַלע באַווייזן, אַז מיר זיינען אומשולדיק, באַליידיקט ער אונז און דערמאָרדעט אונז. מיר זיינען אומשולדיק.

דאָס איז די מלחמה פון פּלוטאָקראַטיע געגן פרייהייט, געגן דער גאַנצער מענטשהייט. מיר שטאַרבן פאַר'ן אַנאַרכיזם, לאַנג לעבן זאָל אַנאַרכיזם.

באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי.



באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי (1888—1927)

פרייהייט

פון באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי

אידיש פון י. פאָמעראַנץ

פרייהייט!
קענסטו זי?
איך ניט!
וואָס איז דאָס אַזוינס פרייהייט?
איך ווייס ניט!
פ ר י י ה י י ט!
דאָס וואָרט קלינגט אין אַלע שפּראַכן,
און ערגעץ איז ניטאָ קיין פרייהייט.
דו האָסט זי געזען?
וואו?
אויף דער ערד?
דו לייגסט!
ווייל פרייהייט מיינט אַ סוף צו אַלע אוממענטשלאַכקייטן,
מיינט אַ סוף צו אַלע גרויזאַמקייטן,
מיינט אַ סוף צו אַלע העסלאַכקייטן,
מיינט אַ סוף צו אַלע נידערטרעכטיקייטן.
פרייהייט באַדייט דאָך:
די וועלט איז נשמה'דיג געוואָרן!
פרייהייט?
איך קען נאָר דאָס וואָרט!

סאַקאָ-וואַנזעטי — א לערע

פון מלך עפשטיין

זיבן יאָר, דריי חדשים און זיבעצן טעג זיינען סאַקאָ און וואַנזעטי געזעסן אין פּריזאָן אונטער'ן שאָטן פון טויט. זיבן יאָר, דריי חדשים און זיבעצן טעג האָבן זיי זיך געראַנגלט מיט יסורים, פּיין און שרעק און האָבן גובר געווען. די אכזריות און קלאַסן-שנאה, וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט, האָבן ניט אָפּגע-שוואַכט זייער גייסט און ניט צעבראָכן זייער מוט. ניט די הונ-גער-סטרייקס און ניט די נאָענטקייט צום טויטן-קאַמער האָבן אויף אַ האָר פאַרטונקלט דעם פלאַם, וואָס האָט געברענט אין זייערע הערצער.

ליכטיק זיינען זיי געגאַנגען צום טויט, מיט געהויבענע קעפּ און אויסגעגלייכטע פּלייצעס. זיי האָבן באַגעגנט דעם סוף ווי אויסגעפּרובירטע, פון פייער אויסגעשמידטע קעמפער. סאַקאָ און וואַנזעטי האָבן געוויזן דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע ווי רע-וואָלוציאָנערן קענען שטאַרבן.

פאַר דעם אומגליק, אומבאַוואוסטע מענטשן. איינער אַ שיך-אַרבעטער. דער צווייטער אַ פיש-פאַרקויפער. האָבן זייערע נעמען ווי אַ רינג אַרומגענומען דעם ערד-קוגל, איצט. מיליאָנען מענטשן אין אַלע טיילן פון דער וועלט, פון אַלע ראַסן, קאָלירן און פעל-קער האָבן פאַר זיי פּראָטעסטירט. מיליאָנען מענטשן האָבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געוואַרט די נאַכט פון מאָנטיק דעם צוויי-און צוואַנציקסטן אויגוסט, אויף זייער גורל. די אַרבעטערשאַפט פון דער גאַנצער וועלט באַטראַכט זיי ווי טייערע, נאָענטע, ליבע חברים, ווי העלדן, וואָס זיינען געפאַלן אויפ'ן שלאַכט-פעלד.

זיבן יאָר דריי חדשים און זיבעצן טעג. איז אָט די מורא-דיק לאַנגע אַגאָניע געווען נאָר דער רעזולטאַט פון אַ טעות אין דער גערעכטיגקייט-מאַשין, ווי ווייך-הערציקע קאָנסערוואַטאָרן ווילן איינריידן, צי פון דער שלעכטער קרימינעלער סיסטעם פון מאַסאַ-טשוזעטס, ווי ליבעראַלן און סאָציאַליסטן ווילן האָבן? אָדער די אורזאַך איז פיל טיפער און גרינדלעכער און נעמט זיך פון די פאַרשאַרפטע קלאַסן-באַציאונגען אין אונזער לאַנד?

די אַרבעט, וואָס די לעזער האָבן איצט פאַר זיך, האָט דעם ציל קלאָר צו מאַכן די סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער סאַקאָ-

וואנזעטי טראגעדיע, אויפדעקן די כוחות, וואס האבן געטריבן צו דער הינריכטונג און אנאליזירן די ראָל פון די פארשיידענע קלאסן און שיכטן צו דעם פּראָצעס, וואס האט אויפגעטרייסלט א גאנצע וועלט. זאלן די יארן, וואס וועלן קומען און די דורות, וואס וועלן אונז נאכפאלגן, זיך באקאנען מיט דעם בלוטיקן קא־פּיטל אין דער געשיכטע פון אמעריקאנעם קאפּיטאליזם, וואס האט זיך אנגעהייבן אין 1920 און האט זיך געענדיקט אין 1927.

1.

דער הינטערגרונט

די ערשטע העלפט פון 1920 וועט פארבלייבן אין דער גע־שיכטע פון אמעריקע ווי א פּעריאד פון פינצטערער רעאקציע און „רויטע היסטעריע". קאפּיטאליזם אין אייראפּע האט זיך געשאקלט ביז'ן פונדאמענט. די מלחמה האט אויסגעריסן מיט'ן ווארצל די אלטע עקאנאמישע פּאזיציעס. מיליאנען דעמאבילי־זירטע סאלדאטן, וואס זיינען צוריקגעקומען אהיים פון די שלאכט־פעלדער, האבן זיך ארומגעדרייט ליידיק און פארצווייפלט. אומ־רואיקייט האט אנגעפילט די לופט. דער געשפּענסט פון דער רויטער רוסלאנד איז געגאנגען איבער אייראפּע. יעדער איינער האט דערוואַרט אן איבערקערעניש.

די אומרואיקייט האט זיך אריבערגעטראגן איבער דעם זייט אטלאנטיק, ניט, נאטירלאך, אין אזא פולער מאס. אויך אין אמעריקע איז די עקאנאמישע לאגע געווען א געדריקטע. נאך דער אויפגעבלאזענער שפּע פון די מלחמה־יארן איז געקומען א ווירטשאפטלאכע רעאקציע. די פאבריקן, וואס האבן געארבעט אין פולן גאנג אויף מלחמה באשטעלונגען, זיינען געבליבן שטיין. ארבעטסלאזיקייט איז געוואקסן. די פארמער האבן פארלארן די הויכע פּרייזן, וואס די רעגירונג האט אויפגעהאלטן מיט זייערע פּראדוקטן אין צייט פון קריג. רואינע און באנקראט האט גע־לויערט אויף מיליאנען פארמערס. אָרעמקייט און הונגער האט געווארט אויף מיליאנען ארבעטער.

די פיר מיליאן דעמאביליזירטע סאלדאטן האבן נאך שווערער געמאכט די אזוי אויך שווערע לאגע. די „באיעס", וועמען מען האט איינגערעדט, אז זיי שלאגן זיך צו מאכן די וועלט זיכער פאר דעמאקראטיע, האבן געפונען, אז זייערע שטעלעס און דזשאבס זיינען פארנומען געווארן. אזוי שנעל ווי זיי האבן אויס־געטאן פון זיך דעם מונדיר, זיינען זיי געווארן אויס העלדן און

אוים יחסנים. זייער אנטווישונג און פאַרביטערטקייט האָט גע־בראַכט צו מאַסן־רויבערייען, איבערפאַלן און מאָרדן.

די אַרבעטס־געבער האָבן גלייך גענומען אויסנוצן דעם פיינ־לאַכן איבערגאַנג, וואָס די אינדוסטריע האָט באַדאַרפט מאַכן פון קריג צו פרידן. די געטריישאַפט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין צייט פון קריג איז פאַרגעסן געוואָרן ווי אַ חלום. גאָמפּערס׳עס דינסט אין העלפן שלעפּן דעם מלחמה־וואָגן, איז אַוועקגעמאַכט געוואָרן מיט׳ן האַנט. אָרגאַניזירטער קאַפּיטאַל האָט אָנגעהייבן אַ קאָנצענטרירטע אַטאַקע אויף די אַרבעטער און זייערע אָר־גאַניזאַציעס. אַזוי איז די אָפּיציעלע אַרבעטער־באַוועגונג באַדאַנקט געוואָרן פאַר איר געהאָרכזאַמקייט און לאָיאַליטעט צום הערשנ־דיקן קלאַס אין די מלחמה יאָרן.

1920 איז געווען דער יאָר פון דער מעכטיקער „אָפּען־שאַפּ“ באַוועגונג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער גאָלדענער ווייטער וועסט (מערב), ביז די ברעגן פון די גרויסע לעיקס (אָזערעס). נאָך איצט איז די אַרבעטער־באַוועגונג ניט געקומען צו זיך פון די קלעפּ פון דעם אָפּען־שאַפּ־אָפענסיווע. דער אַרבעטס־טאָג איז פאַרלענגערט געוואָרן. דער לוין געשניטן געוואָרן און די יוניאָן־קאָנטראָל איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין אַ סך אינדוסטריעס און פאַכן. אַ סך גרויסע יוניאָנס, וואו די מאַשיניסטן האָבן פאַר־לאָרן אַ גרויסע טייל פון זייער מיטגלידערשאַפט. אַ סך פאַכן, וואו די באַן־שאַפּ־אַרבעטער האָבן פאַרלאָרן זייערע יוניאָנס.

צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער אָפענסיווע פון דעם הערשנ־דיקן קלאַס איז געקומען אַ פּאָליטישער איבערפאַל. די אָפּען־שאַפּ־אַטאַקעס זיינען באַגלייט געוואָרן מיט אַ ווילדן געיעג אויף רויטע און ראַדיקאַלן. עלעמענטאַרע רעכט, וואָס זיינען גאַראַנטירט פון דער קאָנסטיטוציע, זיינען אין איין נאַכט אָפּגעשאַפט געוואָרן. דער גאַנצער רעגירונגס־אַפּאַראַט, דער פעדעראַלער און לאָקאַלער, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די געגנער פון „געזעץ און אָרדנונג“.

באַזונדער גרויזאַם זיינען געווען די פאַרפאָלגונגען נעגן אויס־לענדישע ראַדיקאַלן. זייער לעבן איז געוואָרן הפקר. געוויסנ־לאָזע פּאָליטישנס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער הייסער גלעגנ־הייט און פרובירט אַריינצופאָרן אין ווייסן־הויז איבער די קער־פערס פון רויטע און באָלשעוויקעס. מיטשעל פּאַלמער׳ס איבער־פאַלן אויף טויזנטער פרידלאַכע אַרבעטער אין יאַנואַר, 1920, און שפּעטער „נח׳ס תיבה“, וואָס האָט געפירט איבער 300 ראַדי־קאַלן און רעוואָלוציאָנערן אין סאָוועטן־רוסלאַנד, זיינען עדות פון אומגעהויערן ווילקיר און גרויזאַמקייט מצד דעם הערשנדיקן

קלאַס. פאַמיליעס זיינען מיט געוואַלד צעטיילט געוואָרן. ברויט־פאַרדינער זיינען פאַרשיקט געוואָרן. טויזנטער פרויען און קינדער זיינען געבליבן הילפלאָז. די פרעסע, די טויזנטער בירגערלאַכע אָרגאַניזאַציעס, האַנדלס־קאַמערן, קלובן, א. א. וו., האָבן געשאַפן אַ ביטערע פיינטלאַכע אַטמאָספערע געגן ראַדיקאַלן און רויטע. פון אַלע זייטן האָט זיך געשאָטן פעך און שוועבל, גיפט און האַס געגן די אויסלענדישע טומל־מאַכער. אַלע צרות, אַלע שוועריקייטן פון דער „פּרעכטיקער" קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג איז צוגעשריבן געוואָרן צו זיי.

נאָך דער זוניקער קאַליפאָרניע מיט אירע אָפּען־שאַפּ קאַפּיטאַליסטן און גרויזאַמן אַנטי־סינדיקאַליטן געזעץ זיינען די שטאַטן פון פענסילווייניע און מאַסאַטשוזעטס געווען די ערגסטע. פענסילווייניע, די קעניגרייך פון שטאָל־טראָסט און מאַסאַטשוזעטס דער צענטער פון שיך און טעקסטיל. אין פענסילווייניע האָט דער שטאָל־טראָסט און די קוילן־באַראָנען געקעמפּט געגן דער מיליטאַנטישער מיינער־יוניאָן און געגן די פאַרזוכן פון די שטאָל־אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן. אין מאַסאַטשוזעטס, ווידער, האָט גרויס קאַפּיטאַל געזוכט צו דערשטיקן די לעצטע שפּורן פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די צוויי גרויסע אינדוסטריעס, שיך און טעקסטיל.

אין אָט דער אומרואיקער בייזער צייט זיינען סאַקאָ און וואַנזעטי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. זיי זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן דעם 5טן מאַי, 1920, פאָרנדיק אין אַ קאַר (טראַמוויי) פון וועסט־ברידזשוואָטער צו בראָקטאָן. די קלאַגע געגן זיי איז באַשטאַנען אין טראָגן געווער אָן דערלויבעניש.

ניקאָלאַ סאַקאָ און באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי זיינען געווען קענטיקע מענטשן אין די שטעטלאַך פון דער שיך־אינדוסטריע. לויט זייער אַנשויאונג אַנאַרכיסטן, האָבן זיי געאַרבעט צווישן די שיך־אַרבעטער און געזוכט צו אָרגאַניזירן. זיי האָבן אויך פאַרטיילט אויפרופן געגן ווילסאָנ׳ס אינטערווענציע אין סאָוועטן־רוסלאַנד. ווי אין אַלע אינדוסטריעלע שטעטלאַך אין דער גרויסער אַמעריקע, איז די פּאָליציי און די אָרטיקע רעגירונג פון דעם שיך־געגנט אינגאַנצן אין דינסט פון די באַלעבאַטים. אַזוי איז אויך דער געריכט און די פּראָקוראַטור. אין אַ סביבה, וואו אַן אַגיטאַטאָר איז ניט זיכער מיט׳ן לעבן, זיינען סאַקאָ און וואַנזעטי געווען ווי אַ דאָרן אין אויג די שיך־פאַבריקאַנטן און זייערע געזעצלאַכע משרתים. איינמאָל זיי אַריינגעקראָגן אין די לאַפּעס, באַטש אויף אַ קליינעם פאַרברעכן, האָט די פּאָליציי ניט געהאַט

קיין חשק זיי אָפּצולאָזן.

גראַדע האָט זיך געמאַכט, אַז מיט דריי וואָכן צוריק איז אין אַ דערבייאיקע קליינע שטעטל, סאַוט ברײנטרי, פאָרגעקומען אַן איבערפאַל אויפ׳ן קעשיר פון אַ שיך־פאַבריק מיט זיין באַגלייטער. ביידע זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן, און דאָס געלט, וואָס זיי האָבן געקראָגן, איז צוגענומען געוואָרן. מענטשן, וואָס האָבן געזען פון דער ווייטן דעם אָנפאַל, האָבן עדות געזאָגט, אַז די רויבער זיינען אַרויסגעקומען פון אַן אוטאָמאָביל. צוויי האָבן געשאָסן, דריי האָבן געוואַרט אין אויטאָמאָביל. אַלע פינף איז געלונגען צו אַנטלויפן אין זעלבן אויטאָמאָביל. די פּאָליציי האָט ניט געקאָנט געפינען קיין שפור פון דעם מאָרד. דער נעגנט אַרום — ווי אַ סך אַנדערע געגנטן — איז טעראָריזירט געוואָרן פון אַ באַנדע רויבער. די באַפעלקערונג איז געווען פאַרביטערט און די פּאָליציי האָט געפילט, אַז זי מוז „אויפדעקן" דעם פאַרברעכן, וואָס עס זאָל ניט זיין.

און אַזוי איז די פּאָליציי געקומען צו דעם טראַגישן איינפאַל: פאַרבינדן די צוויי קענטיקע אַנאַרכיסטישע אַגיטאַטאָרן מיט דעם מאָרד אין סאַוט־ברײנטרי. קיין סך שוועריקייטן האָט די פּאָליציי דערביי ניט געהאַט. די שטימונג געגן די רויטע האָט אָנגעפילט דאָס לאַנד ווי אַ געדיכטער רויך. סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען געווען אָרעמע אויסלענדער. אַלע האָבן זיי געקאָנט פאַר אַנאַרכיסטן. ביי ביידן האָט מען געפונען רעוואָלווערן אין די קעשענעס. די באַפעלקערונג איז געווען אויפגערעגט פון דעם ברוטאַלן מאָרד. וואָס נאָך האָט די פּאָליציי געדאַרפט האָבן? מיט דער הילף פון אַ געשיקטן דיסטריקט־אַטוירני (פּראָקוראָר), מיט דער שטיצע פון די לאָקאַלע ציימונגען — און דער וועג צום עלעקטריק־טשער איז געווען אויסגעפּלאַסטערט.

עס איז ניט אין אונזער אויפגאַבע צו געבן אַן איבערבליק איבער די אַלע פּאַסירונגען און פאַרוויקלונגען פון זיבן יאָר סאַקאָ און וואַנזעטי פּראָצעס. דאָס וועלן די לעזער געפינען, אין דער גענויער כראָנאָלאָגיע און געשיכטע, ווייטער אין דעם ביכל. אונזער ציל איז אָנצואווייזן אויף דעם פונדאַמענט פון דער פאַרשווערונג געגן די צוויי ראַדיקאַלן. די אָנקלאַגע געגן זיי האָט געהאַט פונקט אַזוי ווייניק צופעליקעס ווי שפּעטער די גאַנצע שפּינוועבס געביידע, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע יוסטיץ האָט געפלאָכטן אַרום זיי. די פאַרשווערונג געגן סאַקאָ און וואַנזעטי איז געקומען ווי אַ ציל־באַוואוסטער אויסגערעכנטער אַקט פּטור צו ווערן פון צוויי אַגיטאַטאָרן, וועלכע האָבן געבורעט די שיך־

אַרבעטער צו אָרגאַניזירן אַ יוניאָן. די פּאַר׳עקשאַנ׳טע שמד־שטיק און פעלשונגען, וואָס זיינען שפּעטער אָנגעווענדעט געוואָרן געגן די אָנגעקלאָגטע, זיינען געווען די פּאָרזעצונגען פון דעם ערשטן פּלאַן מיט׳ן צוגאָב פון נאָך מאָטיוון, וואָס זיינען שפּעטער אָנגעוואקסן.

מאסאטשוזעטס האט שוין געהאט דערפארונג אין פאַרשווערונגען געגן אַרבעטער־קעמפער. געגוג צו דערמאָנען דעם פּראָצעס געגן הייוואוד און דזשאָוואַניטי אין דעם טעקסטיל־סטרייק אין לאָרענס אין 1911. געגן סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן די זעלבע מיטלען.

אַ געניטע האַנט האט רעזשיסירט דעם פּראָצעס. דונערדיקע עדיטאָריעלס אין די אָרטיקע צייטונגען, בילדער פון די דערמאָרדעטע מיט זייער פאמיליעס, אַ קאָרדאָן־פּאָליציי אַרום דעם געריכטס־הויז אין דערהעם, דאָס אַלץ האט געשאַפן די אַטמאָספער פון אַ לינטש־פּאַרטיע אין געריכט־הויז. די אָרטיקע מאַכט־האָבער האָבן געשאַפן דעם איינדרוק ביי דער דזשורי, אַז די צוויי אָנגעקלאָגטע זיינען מיטגלידער אין אַ געפערלאַכער אַנאַרכיסטיש־טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע מיט פאַרשפּרייטע צווייגן אין אַלע טיילן פון לאַנד. וואָס איז דער וואונדער, אַז די דזשורי, צוועלף קליין־שטעטלדיקע קליין־בירגער מיט אַ שטאַרקן פּאַראורטייל געגן די אָנגעקלאָגטע, אַ פּאַראורטייל, וואָס איז אויפגעבלאָזן געוואָרן פון דער פּאָליציי, פרעסע, דיסטריקט־אַטוירני און געריכט, האָבן מיט אַ ריינעם געוויסן אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל: שולדיק!

סאַקאָ און וואַנזעטי וואָלטן פאַרברענט געוואָרן נאָך אין חודש יולי, 1921, גלייך נאָכ׳ן אורטייל, ווען ניט —— דאָ קומען מיר צו אַ צווייטן אַקט פון אַ לאָקאַלער אַרבעטער־דראַמע, וואָס האט זיך אָנגעהויבן אין אַ קליין שטעטל אין ניו־ענגלאַנד און האט זיך געענדיקט ווי אַ מאָרד־טאַט פון דער אַמעריקאַנער בורזשואַזי געגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט.

2.

קאַפּיטאַליסטישער יושר

די גייסטיקע משרתים פון דער בורזשואַזי האָבן אין די לעצטע פאַר טעג פאַר דער הינריכטונג געגעבן אָנצוהערעניש, אַז גאָווערנאָר פולער און זיינע ראַט־געבער קאָנען ניט צוריקטרעטן פון זייער פּאָזיציע, ווייל דאָס וואָלט געהייסן זיך אונטערגעבן די געשרייען פון קאָמוניסטן און לינקע דאָ און אין אויסלאַנד. די אָנצוהערעניש האט געזאָלט דינען ווי אַפּאָרענטפערונג

פאַר דער אומערהערטער ברוטאַליטעט צו שיקן מענטשן צום טויט זעקס יאָר נאָכ'ן טויט-אורטייל. אַ זאַך, וואָס איז ניט באַוואוסט אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט.

מיר ווילן באַטאָנען אָט די טענה, ווייל זי שטאַמט ניט נאָר פון קאָנסערוואַטיווע קוואַלן, נאָר זי איז אויך אַרויסגעשטעלט געוואָרן, פאַרנעפּלטערהייד, פון דעם סאָציאַליסטישן לאַגער. עס הייסט, אַז מיר קאָמוניסטן און לינקע האָבן מיט אונזערע פּראָטעסטן, סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס בייז געמאַכט די הערצער פון די מאַכט-האָבער אין מאַסאַטשוזעטס און דערמיט פאַרערגערט די לאַגע פון סאַקאָ און וואַנזעטי.

אָט די אַלע רעספּעקטאַבלע, אָפענע און באַהאַלטענע, דינער פון דער היינטיקער אָרדנונג האָבן, ווי געוויינלאַך, אַ קורצן זכרון. זיי פאַרגעסן, ווי אַזוי סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען געראַטעוועט געוואָרן אין 1921, נאָכ'ן טויט-אורטייל.

די קלאַגע און דער אורטייל געגן דעם שיך-אַרבעטער און דעם פיש-פאַרקויפער האָבן ניט אַרויסגערופן קיין גערודער אין אַמעריקע. נאָר דער רעוואָלוציאָנערער אַוואַנגאַרד פון דעם אַרבעטער-קלאַס האָט געוואוסט, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם שטעטל דעדהעם. די ברייטע עפנטלאַכע מיינונג און די אָפיציעלע אַרבעטער-באַוועגונג האָבן באַטראַכט דעם גאַנצן ענין ווי איינער פון די אומציילִיקע רויב- און מאָרד-פּראָצעסן, מיט וועלכע דאָס לאַנד איז דענסמאָל געווען אָנגעפּילט. די כוחות און איינפלוס פון דעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד זיינען אין יענע צייטן געווען זייער באַשריינקט.

אַ שטילער מיאוסער טויט האָט געוואַרט אויף סאַקאָ און וואַנזעטי. פּלוצלונג, אָנהייב אָקטאָבער, 1921, איז אַמעריקע איבעראַשט געוואָרן פון אַ גאַנצער רייע סאַקאָ-וואַנזעטי דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער דער וועלט ווי אַ שטורעם-ווינט. הונדערטער טויזנטער אַרבעטער אין פּעטראָגראַד, מאָסקווע, פּאַריז און בערלין, ברוסעל און לאָנדאָן, בוענאָס איירעס און מעקסיקאָ סיטי האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן און געפאָדערט אַ נייעם פּראָצעס פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי. די עפנטלאַכע מיינונג דאָ אין לאַנד **האָט זיך דערוואוסט פון סאַקאָ און וואַנזעטי פון די אַרבעטער-דעמאָנסטראַציעס אין אויסלאַנד.** איר אָפּקלאַנג אין אַמעריקע איז געווען צו שטאַרק, אַז מאַסאַטשוזעטס זאָל זיך דערלויבן צו שיקן די צוויי אַנאַרכיסטן צום טויט. ליבעראַלע צייטונגען האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט

זייער שיקזאַל. אַ באַוועגונג איז באַשאַפן געוואָרן פאַר די צוויי פּאַראָרטייליטע. דער לינקער פליגל האָט אויפגעכאַפּט דעם גע-שריי פון אויסלאַנד. סאַקאָ און וואַנזעטי האָבן געקראָגן נייע יאָרן צום לעבן אַ דאַנק דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געווען דער איניציאַטאָר פון די מאַסן-דעמאָנסטראַציעס אין אויסלאַנד.

די פּראָטעסטן פון דער אַרבעטערשאַפט אין אויסלאַנד האָבן געראַטעוועט סאַקאָ און וואַנזעטי'ן, האָבן זיי געראַטעוועט אויף זעקס יאָר. זיי האָבן באַקומען מיט אַמאָל דאָס, וואָס מען רופט אין אַמעריקע אַ „פייטינג-טשענס", די מעגלאַכקייט צו קעמפן פאַר זייער אומשולד און פאַר זייער לעבן. עס איז ניט זייער שולד און ניט די שולד פון די קאָמוניסטן און לינקע, וואָס די קאַמפּס-מעגלאַכקייטן זיינען צערונען אין אויגוסט, 1927.

.3

די גערעכטיקייט-מאַשין אין מאַסאַטשוזעטס

ווייט איז פון אונז דער געדאַנק זיך אָנצונעמען פאַר דער אַלטער, פאַרשימלטער קרימינעלער סיסטעם אין דעם סטייט פון מאַסאַטשוזעטס. איבעריקנס ווייזט עס נאָר, אַז אפילו אַזאַ אַלטער קולטורעלער שטאַט ווי מאַסאַטשוזעטס האָט זיך שטאַרק געזאָרגט ווי אַזוי אַריבערצושיקן אויף יענער וועלט אָרעמע בירגער, וועל-כע גליטשן זיך אויס, איידער צו באַוואָרענען זייער עלעמענטאַרע רעכט. פאַר אונז איז דאָס קיין נייס ניט. מיר ווייסן, אַז די אויפגאַבע פון קאַפּיטאַליסטישער יוסטיץ איז צו באַשיצן פּריוואַטע אייגנטום. שטראָף און ניט גערעכטיקייט איז דער מאָטאָ פון דער לעגאַלער מאַשין פון דער היינטיקער אָרדנונג. אָבער ניט דאָס זיינען מיר אויסן.

פונקט ווי עס איז פאַלש דער אַרגומענט, אַז פּראָטעסטן און סטרייקס האָבן אויפגערייצט דעם גאָווערנאָר פולער, אַזוי איז פאַלש דער געדאַנק צו וואַרפן די שולד פון סאַקאָ-וואַנזעטי'ס מאָרד אויף די חסרונות פון דעם גערעכטיקייט-אַפּאַראַט אין מאַ-סאַטשוזעטס. עס איז אַ שלעכטער איבערפלעכלאַכער תירוץ.

שוין דער ערשטער אַקט פון דער פאַרשווערונג האָט געוויזן אַן אויסגערעכנטן פּלאַן. דיסטריקט אַטורני קאַצמאַן האָט גע-מאַטערט סאַקאָ און וואַנזעטי אַ סך מער וועגן זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען ווי וועגן זייער כלומרשטן שייכות צום אָנפאַל

אויפ׳ן קעשיר. דער פאַקט, אַז סאַקאָ האָט ניט געוואָלט דינען אין דער אַרמיי איז געווען אַ וויכטיקער זייל אין דער באַשול־דיקונגס־געביידע, וואָס קאַצמאַן האָט אויפגעשטעלט. אויך ריכטער טהייער האָט דאָס זייער גוט אויסגענוצט. אין זיין רעדע צו דער דזשורי האָט טהייער זיי אויפגעפאָדערט אַרויסצואווייזן דעם זעלבן מוט און קוראַזש, וואָס אונזערע „באָיעס“ האָבן באַוויזן אויף די שלאַכט־פעלדער פון פראַנקרייך. אין דער נאָך־מלחמה היסטעריע איז דאָס געווען אַ פשוט׳ער רוף צו לינטשן די צוויי אַנאַרכיסטן.

ריכטער טהייער׳ס אומערהערטע פאַרטייאישקייט איז פעסט־געשטעלט. דאָס נויטיקט זיך ניט אין באַווייזן. וואָס איז אָבער מכח דער יורידישער אויפפירונג פון די העכערע ריכטער פון דעם העכסטן געריכט פון דעם שטאַט?

אין איינעם פון די לעצטע אַפּילס פאַר אַ נייעם פּראָצעס האָט די פאַרטיידיקונג אָנגעוויזן, אַז דער דיסטריקט אַטוירני האָט געוואוסט פון עדות, וועלכע וועלן באַווייזן סאַקאָ־וואַנזעטי׳ס אומשולד און האָט זיי ניט אַרויסגערופן. אין אַנדערע ווערטער, די פאַרטיידיקונג האָט פאַרקלאָגט דעם אָנקלאָגער, אַז ער האָט בכיון דערשטיקט אויפ׳ן געריכט פאַקטן, צום גונסטן די אָנגע־קלאָגטע. וואָס האָט אויף דעם געענטפערט דער העכסטער גע־ריכט פון מאַסאַטשוזעטס? זייער איינפאַך און זייער ברוטאַל.

— דער עפנטלאַכער אָנקלאָגער — האָבן די הויכע ריכטער גע׳פסקנ׳ט — איז ניט מחויב אַרויסצורופן עדות, וועלכע ער ווייס וועלן העלפן די אָנגעקלאָגטע.

די אַנטשיידונג האָט אַרויסגערופן אַ שטורם. אַ פּראָגרע־סיווער לאָיער האָט מיט רעכט אָנגעוויזן אין דער וועכנטלאַכער „ניישאָן“, אַז אַזאַ מין אַנטשיידונג איז אומערהערט. עס גראָבט אונטער דעם פּעדעסטאַל, אויף וועלכער די געטין פון גערעכטיקייט שטייט. אויב דער דיסטריקט אַטוירני, וואָס פאַרטרעט דאָס פאָלק געגן דעם אָנגעקלאָגטן, איז באַרעכטיקט צו אונטערדריקן פאַקטן כדי אַרויסצוקריגן אַן אורטייל, דענסמאָל איז אויס גערעכטיקייט. דער געריכטס־קאַמער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטראָף־עקס־פּעדיציע.

די אַנטשיידונג פון העכסטן געריכט האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער קרימינעלער סיסטעם און מיט די כללים און מנהגים פון די געריכטס־הייזער אין מאַסאַטשוזעטס. די אַנטשיידונג, ווי אַלע אַנדערע אַנטשיידונגען אויף די אַפּילס פון דער פאַר־טיידיקונג, איז אַ באַוואוסטזיניקער חוצפה׳דיקער ענטפער פון

קלאַסן-יוסטיץ, וועמעס ציל איז געווען דורכצופירן אַן אַקט פון קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור. מיר האָבן געקאָנט אויסרעכענען אַ סך אַזעלכע פאַקטן, וועלכע באַווייזן, אַז סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען ניט געפאַלן קרבנות פון אַ דורכגעלעכערטן קרימינעלן סיסטעם, נאָר פון אַ קאַפּיטאַליסטישן יוסטיץ-אַפּאַראַט, וואָס האָט געאַרבעט באַוואוסטזיניק און אויסגערעכנט. די זעלבע לע-גאַלע דריידלאַך, וואָס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן געגן סאַקאָ און וואַנזעטי, כלומרשט אין נאָמען פון אַלטע געריכטלאַכע מנהגים, וואָלטן אויסגעטייטשט געוואָרן פאַר זיי, אויב דער הערשנדיקער קלאַס וואָלט דאַן באַשלאָסן זיי צו באַפרייען. געזעצן זיינען ווי גומע, זיי לאָזן זיך ציען.

.4

גאָווערנאָר פולער

ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז האָט ער זיך געשפּילט מיט די לעבנס פון סאַקאָ און וואַנזעטי. אַליין אַ מיליאָנער, וואָס האָט אָנגע-זאַמלט זיין פאַרמעגן פון וועליסאָפּעדן פאַבריקן, איז ער דער אויסדרוק פון דער אויפגעקומענער אַמעריקאַנער בורזשואַזי, וועלכע גלויבט אַז די היינטיקע אָרדנונג איז די בעסטע אויף דער וועלט, און אַז אַלצדינג וואָס די אָרדנונג פאַרמאָגט קומט איר. פולער איז אַ קאַפּיטאַליסט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטיק. אַכט יאָר אין קאָנגרעס האָט ער דאָרטן פאַרטראָטן דעם קאָנסערוואַטיוון אַרבעטס-געבער, ביי וועמען דאָס רעכט אויף „פרייע אַרבעט“ איז אַ פּרינציפּ געגעבן פון גאָט אַליין.

גאָווערנאָר פולער האָט געהאַט אַ דאָפּלטן אינטערעס אין לאָזן הינריכטן די צוויי איטאַליענישע אַנאַרכיסטן. ווי אַ פאָר-שטייער פון אָפּען-שאָפּ קאַפּיטאַליסטן, איז ער געווען פאַראינ-טערעסירט אָנצולערנען די אַרבעטער אין זיין שטאַט זיי זאָלן ניט חלומ׳ען פון אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, די באַלעבאַטים. ווי אַ פאָרשטייער פון דער קאַפּיטאַליסטישער מאַכט, איז ער געווען פאַראינטערעסירט, אַז דער „גוטער נאָמען“ פון זיין שטאַט זאָל ניט באַפלעקט ווערן דורך אַן אויפדעקונג פון געזעצלאַכע קונץ-שטיק געגן צוויי אומשולדיקע מענטשן. אַ נייער פּראָצעס וואָלט געמיינט עפענען די קאַסטן, וואו עס ליגן די אַלע פאַקטן און באַווייזן פון דער פאַרשווערונג. דעם הערשנדיקן קלאַס האָט זיך בעסער געלוינט צו הינריכטן זיינע קרבנות איידער צוגעבן

עפנטלאַך, אַז פאַרשטייער פון געזעץ האָבן באַוואוסטזיניק קאָנספּירירט געגן צוויי אומשולדיקע מענטשן נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען געגנער פון דער היינטיקער אָרדנונג.

ווי אַ פּאָליטישן האָט גאָווערנאָר פולער דערזען פאַר זיך אַ זעלטענע געלעגנהייט אַרויפצוקלעטערן אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון דעם פּאָליטישן לייטער אין אַמעריקע. זיין רעכענונג איז געווען אַ פּשוט׳ער. אויב גאָווערנאָר קולידזש האָט געקאָנט ווערן פּרעזידענט קולידזש נאָר צוליב דער איינציקער מעלה פון ברעכן דעם פּאָליציי־סטרייק אין באָסטאָן, פאַרוואָס זאָל גאָווערנאָר פולער ניט האָבן דעם זעלבן מזל. נאָך אַלעמען איז הינריכטן סאַקאָ און וואַנזעטי געגן דעם פּראָטעסט פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט פונקט אַזאַ אַקט פון בורזשואַזער לאָיאַליטעט און קוראַזש ווי ברעכן אַ סטרייק פון דער פּאָליציי. קולידזש האָט געקראָגן די העכסטע באַלוינונג, פאַרוואָס ניט פולער.

די ליבעראַלע „ניישאָן“ האָט אָנגעוויזן אויף דעם טשיקאַוון פאַקט. די גרויסע צייטונגען האָבן מיט אַ פּאָר טעג איידער דער גאָווערנאָר האָט אַרויסגעגעבן זיין אַנטשיידונג פאָראויסגעזאָגט אַ גינסטיקע מיינונג פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי. אַזוי זיכער זיינען זיי געווען, אַז פולער וועט אַרויסקומען מיט אַ רעקאָמענדאַציע פאַר אַ נייעם פּראָצעס, אָדער וויניקסטנס פאַר אַ באַגנאַדיקונג. פּאַסירט האָט גאַנץ אַנדערש. פולער׳ס אַנטשיידונג איז פול מיט גיפט געגן די פאַראורטיילטע. אַפילו די פאַרביסענע צייטונגען האָבן זיך ניט געריכט אויף אַזאַ מין „דאָקומענט“. וואָס איז פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס האָט געענדערט אַלעמענס דערוואַרטונג?

דערמאָנט די „ניישאָן“: מיט אַ פּאָר טעג פריער, שפּעט נאָך מיטאָג, איז דאָס לאַנד געוואָר געוואָרן, אַז קולידזש „האָט ניט בדעה צו לויפן פאַר פּרעזידענט אין 1928“. איז דאָס ניט געווען די אורזאַך, וואָס האָט פּלוצלונג געענדערט פולער׳ס מיינונג? גאָווערנאָר פולער האָט געוואוסט, אַז דער עולם באַציט זיך מיט חשד צו די געריכט־הייזער אין שטאַט. האָט ער אויסגעקליבן אַ קאָמיטע פון דריי פיינע באַלעבאַטים, וואָס זאָל שאַפן שטימונג געגן די פאַראורטיילטע און הויבן דעם געפאַלענעם פּרעסטיזש פון די געריכט־הייזער. די פיינע באַלעבאַטים האָבן אָנגעפירט זייער אונטערזוכונג אונטער געשלאָסענע טירן, פונקט ווי סאַקאָ און וואַנזעטי וואָלטן ניט באַלאַנגט צו דער עפנטלאַכקייט. נאָך זייער געהיימער אונטערזוכונג האָט זיך באַוויזן אַ באַריכט, וואָס גלאַנצט מיט ביטערער גיפטיקער פּאַרטייאישקייט.

פאַראַן נאָך ביי אונז אַרבעטער, וואָס פילן אינסטינקטיוו אַ דרך־ארץ פאַר קאַפּיטאַליסטישער געלערנטקייט. צוויי פון די פיינע באַלעבאַטים זיינען זיילן פון בורזשואַזער ציוויליזאַציע. איינער איז פּרעזידענט פון אַ הויכן לערן־אַנשטאַלט, וואו די זינדלאַך פון דער אַמעריקאַנער אַריסטאָקראַטיע קריגן זייער בילדונג און דערציאונג. פונדעסטוועגן האָט עס אים ניט אָפּגעהאַלטן אונטער־צושרייבן זיין נאָמען אויף אַ סקאַנדאַליעזן דאָקומענט.

פּרעזידענט לאָועל פון האַרוואַרד און זיינע צוויי קאָלעגן גיבן אונז אַ שליסל צו קלאַסן־עטיק און קלאַסן־יושר. פּרעזידענט לאָועל איז זיכער אַן ערנהאַפטער מאַן. ער באַלאַנגט צו אַ קרייז, וואו זאָגן אַ ליגן איז אַ גרויסער פאַרברעכן. פּרעזידענט לאָועל איז דורכאויס אַ דזשענטלמאַן. זיכער באַטראַכט ער זיך פאַר אַן עטישן מענטשן הונדערט פּראָצענט. זיין עטיק טראָגט אָבער אַ קלאַסן־כאַראַקטער. אַלע באַגריפן פון ערע און מאָראַל זיינען גילטיק נאָר אין זיין אייגענעם קלאַס. אַזוי שנעל ווי אַ לאָועל נידערט אַראָפּ צו דעם אונטערדריקטן קלאַס, פאַרשווינדן זיינע אָנגענומענע כללים פון גוטער אויפפירונג. ווער רעדט ווען עס קומט צו פאַרטיידיקן זיין קלאַס און די אָרדנונג, וואָס האַלט אויף זיין קלאַס, ווערט דער לאָועל אַ גאַנץ אַנדערער מענטש. זיין קלאַסן־עטיק דערלויבט אים צו טרעטן מיט די פיס אויף די רעכט פון די, וועלכע שטייען זיין קלאַס אין וועג. אַזוי האָבן געהאַנדלט די הויכע פאַרשטייער און די כהנים פון דער הערשנ־דיקער קולטור אין אַלע צייטן און אין אַלע פעריאָדן. ניטאָ וואָס זיך צו וואונדערן, ניטאָ וואָס צו ווערן אַנטריסטעט.

.5

די ליבעראַלן און די סאָציאַליסטן

אַפילו מיט אַ שפּאַקטיוו איז ניט מעגלאַך צו דערטאַפּן אַן אונטערשייד צווישןביידע. די זעלבע באַגריפן, די זעלבע ווער־טער. די ליבעראַלן האָבן צוגעשריבן דעם געפלאַנטן מאָרד צו פעלערן אין דער קרימינעלער סיסטעם. צו פאַרעלטערטע געריכט־לאַכע מנהגים און צו אַ „גוטן" ריכטער און אַ „שלעכטן" ריכטער, צו אַ „גוטן גאָווערנאָר" און אַ „שלעכטן גאָווערנאָר". די סאָציאַ־ליסטן האָבן צוגעבאַמקעט דערצו און עס אָנגענומען פאַר גוט געלט.

עס זיינען געווען צוויי סאָרטן ליבעראַלן. איין סאָרט פער־

סאַניפיצירט אין סענאַטאָר באָראַה, וועלכער האָט אין אַן ענט־פער צו מיס דזשיין עדעמס צו קומען צו הילף סאַקאָ און וואַנזעטי, געענטפערט:

„עס וואָלט געווען אַ נאַציאָנאַלע דערנידעריגונג, אַ סקאַנ־דאַליעזער פּחדנות׳דיקער קאָמפּראָמיס פון נאַציאָנאַלן מוט צו שענקען די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט צו אויסלענדישע פּראָ־טעסטן אָדער צו המון פּראָטעסטן אין דער היים.“

קיין סך אַזעלכע ליבעראַלן זיינע ניט געווען. די מערסטע פון זיי האָבן געבעטן, אַפּעלירט, געוועקט דעם געפיל פון רחמנות, אַלץ מיט דער זעלבער טענה, אַז דער שטאַט פון מאַסאַטשוזעטס וועט באַפלעקן זיין גוטע רעפּוטאַציע. דערביי האָבן די ליבעראַלן יעדער מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז זיי צווייפלען ניט אויף איין מינוט אין דער אויפריכטיקייט פון גאָווערנאָר פולער און זיינע ראַטגעבער. אַז די גאַנצע צרה שטאַמט פון אַ לעגאַלע מיספאַר־שטענדעניש, א. א. וו. אָט דער פּזמון פון גלויבן אין פולער׳ס אויפריכטיקייט האָבן די ליבעראַלן געזונגען אַפילו נאָכ׳ן מאָרד.

פאַרלייקענדיג דעם קלאַסן־מאָמענט האָבן די ליבעראַלן און סאָציאַליסטן געלייגט אַלע האָפנונגען אויף „גרויסע“ אַדוואָקאַטן און שפּעטער אויף די פּאָר ליבעראַלן אין דעם העכסטן געריכט פון לאַנד.ביידע האָפנונגען זיינען צורונען. דאָרט וואו די גע־רעכטיקייט־מאַשין איז אַנטשלאָסן הינצוריכטן צוויי רעבעלן העלפן ניט קיין גרויסע אַדוואָקאַטן. הויכע ליבעראַלע ריכטער וואָגן ניט אַרויסצוטרעטן געגן אייגענעם קלאַס, וואָס זייער פּערזענלאַכע איבערצייגונג זאָל ניט זיין.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געגאַנגען אויפ׳ן זעלבן וועג, מיט׳ן אויסנאַם, נאַטירלאַך, פון גלויבן פולער׳ן. אין קיין איין איינציקער אַרויסטרעטונג, אין קיין איין איינציקער רעדע אָדער אַרטיקל אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע איז ניט געווען אַרויס־געבראַכט דער קלאַסן־מאָמענט, וואָס איז דער עיקר אין דער סאַקאָ־וואַנזעטי טראַגעדיע. ווי פּאָפּוגייען האָבן די סאָציאַליסטן נאָכגעזונגען די אויסגעדראָשענע ליבעראַלע פראַזן וועגן „אַ שאַנדע אויף דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע“. נאָך גאָווערנאָר פולער׳ס אַנטשיידונג איז די וועכנטלאַכע סאָציאַליסטישע צייטונג, „ניו־לידער“, אַרויסגעקומען מיט אַ גרויסע קאָפּ: „מיר טרויערן איבער אונזערע אינסטיטוציעס,“ מיינענדיק די קאַפּיטאַליסטישע רעגי־רונגס־אינסטיטוציעס. אַלץ, וואָס דער „ניו־לידער“ האָט געזען, איז אַ פלעק אויף „אונזערע אינסטיטוציעס“. קיין פּיפּס ניט וועגן

דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון דער פאַרשווערונג.

ווענן דעם „פאָרווערטס" איז דאָך אָפּגערעדט. דאָרטן האָט מען געשריבן לייט-אַרטיקלען און בריוו פון באָסטאָן מיט דעם לאַקריץ זיסן נוסח פון גוטע מענטשן און שלעכטע מענטשן. אין פילע פּרטים זיינען די לייט-אַרטיקלען פון „פאָרווערטס" געווען ערגער ווי די לייט-אַרטיקלען אין די ענגלישע ליבעראַלע צייטונגען. טאָמער איז דאָס געווען ווייניק, איז דער שטעל-פאַרטרעטער פון רעדאַקטאָר, הלל ראָגאָף, אַרויסגעקומען צוויי טעג נאָכ'ן מאָרד מיט אַ שענדלאַכן אַרטיקל, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין די ווילדסטע קאַפּיטאַליסטישע אַטאַקעס אויף סאַקאָ און וואַנזעטי. ראָגאָף האָט זיך פאַרמאָסטן אַרונטערצורייסן פון די צוויי דערמאָרדעטע ראַדיקאַלן יעדן שפּור פון מאַרטירערטום. ראָגאָף באַנוצט זיך מיט אַ טעכנישן דריידל, וואָס סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען ניט גע'משפּט געוואָרן אַלס אַרבעטער-פירער, כדי צו מאַכן פון זייער פּראָצעס אַ פּשוט'ע קרימינעלע אַנגעלעגנהייט און ניט קיין אַקט פון קלאַסן-יוסטיץ.

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און אירע טוער האָבן אויף יעדן טריט און שריט געשטערט און געהינדערט דעם קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי. ווען די סאַקאָ-וואַנזעטי עמוירדזשענסי קאָמיטע אין ניו יאָרק האָט גערופן דעם ערשטן גענעראַל-סטרייק, האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיך געווערט מיט אַלע אירע כחות. נאָר אונטער'ן דרוק פון דער מעכטיקער שטימונג צווישן די אַרבעטער איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און אירע יוניאָן-טוער איינגעגאַנגען די לעצטע מינוט און האָבן אויך אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו אַ סטרייק. דעם צווייטן — לעצטן — פּראָטעסט-סטרייק האָבן זיי שוין אָפן באַקעמפט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס סאַקאָ'ס און וואַנזעטי'ס לעבן זיינען בוכשטעבלאַך געהאַנגען אויפ'ן וואָג-שאָל.

טריי צו איר ראָל האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַלע שטעט זיך אַנטזאָגט אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג פון אַ פאַראייניקטער פראָנט באַוועגונג, צו ראַטעווען סאַקאָ און וואַנזעטי. עס זיינען געווען פעלצער אין פילאַדעלפיע, וואו די ברייטסטע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די קאָמוניסטן, אויסער דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דערפאַר האָבן די סאָציאַליסטישע שרייבער אונטערגעכאַפּט יעדן בלבול נעגן די אויפריכטיקע קעמפער פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי. אין

בלבולים האָבן זיי אריבערגעשטיגן קאַפּיטאַליסטישע העצער.

ווען דער אָפּיציעלער יוניאָן־פּירערשאַפט איז ניטאָ אַ סך צו ריידן. די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט די ערשטע עטלאַכע יאָר אינגאַנצן ניט „דערזען" סאַקאָ און וואַנזעטי. ווען די ליבעראַלע עפנטלאַכע מיינונג האָט אויפגענומען דעם קאַמף פאַר די צוויי ראַדיקאַלן, און די יוניאָן־ביוראָקראַטיע האָט זיך ניט געקענט העלפן, האָט זי איינגעוויקלט אַ מעסער אין יעדער רעזאָלוציע פאַר די צוויי פאַראורטיילטע. די פּירערשאַפט פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט יעדן מאָל באַטאָנט, אַז די איבערצייגונגען פון די פאַראורטיילטע זיינען איר דער־ווידער, און אַז זי גלויבט פעסט און זיכער אין דער הייליקייט פון אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן ווי ווייניק אויפמערקזאַמקייט דער הערשנדיקער קלאַס האָט געשענקט צו אַזעלכע רעזאָלוציעס. די בורזשואַזי האָט געזען, אַז די יוניאָן־ביוראָקראַטיע רעדט מיט צוויי צינגער. מיט איינעם פאַרלאַנגט זי גערעכטיקייט און מיט׳ן צווייטן שילט זי די קרבנות פון דער אומגערעכטיקייט. קיין פינגער אין מויל דאַרף מען דער בורזשואַזי ניט אַריינלייגן. איבעריק צו זאָגן, אַז די ביוראָקראַטיע האָט מיט אַלע כחות אָפּגעהאַלטן די אַרבעטער אַנטייל צו נעמען אין דער סטרייק־באַוועגונג פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי.

אין דעם פינצטערן בלוטיקן קאַפּיטל פון קלאַסן־אכזריות און קלאַסן־מאָרד, האָט די וואָרקערס (קאָמוניסטישע) פּאַרטיי פון דעם לינקן פליגל אַריינגעשריבן עטלאַכע שיינע, ליכטיקע בלעטער פון קלאַסן־סאָלידאַריטעט און קלאַסן־קאַמף. די קאָמוניסטן זיינען געווען דער רוקן־ביין פון דער סאַקאָ־וואַנזעטי פּראָטעסט־באַוועגונג סיי אין אַמעריקע און סיי אין אויסלאַנד. די זעלבע אָפּערווילִיקייט און מסירת נפש מיט וועלכע די קאָמוניסטן און די לינקע האָבן געפירט און אַנטייל גענומען אין די סטרייקס אין פּאַסייק, קלאָוק־מאַכער, פּאָריער און אַנדערע, האָבן זיי אויך אַרויסגעוויזן אין דעם קאַמף פאַר די צוויי מאַרטירער. פון דעם גאַנצן ליבעראַלן טאַראַראַם צו פּיקעטן די סטייט־הויז אין באָסטאָן האָט זיך יעדעס מאָל אויסגעלאָזט הויפּטזעכלאַך דעמאָנסטראַציעס פון קאָמוניסטן און לינקע. אונזערע חברים זיינען מיט פרייד געגאַנגען אין פּריזאָן פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי. ניט די פּאָליציייסקע קלעפּ און ניט די שטראָפן האָבן זיי אָפּגעהאַלטן צו טאָן זייער פּראָלעטאַרישע פליכט.

די וואָרקערס פּאַרטי אין אַמעריקע און די קאָמוניסטישע

פּאַרטייען איבער דער גאַנצער וועלט זיינען געווען די איינציקע, וועלכע האָבן נאָכאַנאַנד אָנגעוויזן דעם קלאַסן-מאָמענט וואָס באַהערשט די גאַנצע פאַרשווערונג. אין אונזער ליטעראַטור, אויפרופן און רעדעס, האָבן מיר צעגלידערט דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן הינטערגרונט פון דער סאַקאָ-וואַנזעטי דראַמע, און גערופן די אַרבעטער צו קעמפן געגן דעם סיסטעם, וואָס מאַכט מעגלאַך די הינריכטונג פון אַרבעטער-קעמפער. אָן איבערטרייבונג קאָנען מיר זאָגן, אַז די קאָמוניסטישע און לינקע באַוועגונג האָט געטראָגן אויף זיך די לאַסט פון דעם קאַמף פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי. ווען ניט די פאַררעטערישקייט פון דער יוניאָן-ביוראָקראַטיע, די אָפּגעשטאַנענקייט פון ברייטע אַרבעטער-שיכטן, און דער סאַבאָטאַזש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָלטן מיר וואַרשיינלאַך געהאַט סאַקאָ און וואַנזעטי צווישן אונז.

די וואָרקערס פּאַרטי האָט פאַרוואַנדלט דעם קאַמף פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי אין אַ ברייטן פּאָליטישן קאַמף און האָט גע-זוכט אריינצוטראָגן קלאָרקייט און באַוואוסטזיין אין די ווייטסטע שיכטן פון דעם אַרבעטער-קלאַס. אין אַ היבשע מאָס איז דאָס אונז געלונגען. דאָס איז דער בעסטער דענקמאָל נאָך די צוויי מאַרטירער.

סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען געשטאָרבן אַזוי ווי זיי האָבן געלעבט: מוטיק און פול מיט האָפנונגען, אַז דער אַרבעטער-קלאַס פון אַמעריקע וועט אויפנעמען דעם קאַמף געגן זיינע אונ-טערדריקער.

הונדערטער טויזנטער אַרבעטער האָבן אויף די מעמאָריאַל-פאַרזאַמלונגען אויסגעדריקט דעם פעסטן ווילן צו פאַרווירקלאַכן די צוואה פון די צוויי מאַרטירער.

דער הערשנדיקער קלאַס האָט פאַרברענט סאַקאָ און וואַנ-זעטי. מיר אָבער זעען פאַר אונזערע אויגן די אומשטערבלאַכקייט פון די צוויי מאַרטירער אויסגעהאַקט און אויסגעקריצט אין אַ פּרעכטיקן דענקמאָל זייט ביי זייט מיט דעם דענקמאָל אויף באַנ-קער-היל, דעם היסטאָרישן שלאַכט-פּלאַץ פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

דאָס וועט קומען נאָך דעם זיג פון דעם אַרבעטער-קלאַס אין אַמעריקע.

צוויי לידער
פון באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי

אידיש פון י. פּאָמעראַנץ

ג ע ט ע ר

אַ קללה אויף אייך, איר אַלע גאָטס סטראַפּטשעס,
און אויף אַלע, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר געזאַלבטע פון גאָט,
בויגט זיך נאָר פאַר אייער קראַפט:
פאַר דער קראַפט פון אייער איבערצייגונג!
הערט זיך צו בלויז צו איין שטימע,
צו דער שטימע פון אייער געוויסן!
גייט אויף יענעם וועג בלויז,
וואָס אייך פאַרשרייבט אייער געדאַנק!
בויגט זיך ניט פאַר קיינעם!
פאַראַכט די גאָטס-געשיקטע,
ווייל זיי זיינען ליגנער,
פאַרברעכער געגן דער מענטשהייט.
די וועלט האָט מענטשן און ניט קיין גאָטס-שלוחים!
איינער גלייך צום אַנדערן!
ניטאָ קיין אויסנאַם!
מענטשן זיינען מענטשן!

ו ו י ז י ע

אויף אונזערע פיס שווערע קייטן מיר טראָגן
אוןליידן;
מיר ליגן אין שמוציקע קעלערס דערשלאָגן
און ליידן.
אָבער מיר ווייסן:
צעברעכן וועט איר אַמאָל אונזערע קייטן,
די טורמעס צעעפענען פון אַלע פיר זייטן;
מיר הערן דעם איינציגן יובל-געשריי:
די וועלט איז פריי! איז פריי! איז פריי!

דער אמת'ער מערדער

די געשיכטע פון די צוויי מארטירער

ניקאָלא סאַקאָ און באַרטאָלעמעאָ וואַנזעטי זיינען געווען איטאַליענישע אימיגראַנטן. סאַקאָ איז געבוירן געוואָרן אין טאָרע-מאַגירא, איטאַליע, אין יאָר 1894, און איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1911, איז געוואָרן אַ שיך קאַטער (צושניידער) אין ניו ענג-לאַנד סטייטס.

סאַקאָ איז געווען אַן איבערגעבענער טוער צווישן די איטאַ-ליענישע אַרבעטער, וואָס פלעגן קעמפן געגן זייערע באַלעבאַטים.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט סאַקאָ געאַרבעט אין אַ שיך פאַבריק אין מאַסאַטשוזעטס. ער איז געווען אַ נעג-נער פון דער מלחמה, און איז אַוועק קיין מעקסיקאָ. שפּעטער איז ער געקומען צוריק און האָט ווידער געאַרבעט ביי זיין פאַך, ביז מען האָט אים אַרעסטירט.

וואַנזעטי איז געבוירן געוואָרן אין וואַללא פאַלעטא, איטאַליע, אין יאָר 1888. געקומען קיין אַמעריקע אין 1908. געוואָרן אַ גע-שיר וואַשער. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין אַ שטריק-וועבעריי אין פּלימוט, מאַסס. נאָך אַ סטרייק, וואָס דאָרט האָט אויסגע-בראָכן, איז ער געוואָרן „געבלעקליסטעט" און האָט אין ערגעץ ניט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט. האָט ער זיך גענומען צום פּעדלען מיט פיש, און האָט פונדעסטוועגן ניט אויפגעגעבן זיין ראַדיקאַלע טעטיקייט צווישן די אַרבעטער. ער פלעגט ריידן, שרייבן אין צייטונגען און דערמוטיקן די אַרבעטער צום קאַמף פאַר אַ נייער, בעסערער וועלט, ווי אויך העלפן די אַרבעטער אין זייער טאָג-טעג-לאַכן קאַמף.

די געשיכטע פון די צוויי איטאַליענישע אַרבעטער סאַלסעדאָ און עליא

אין יענער צייט זיינען אין ניו יאָרק אַרעסטירט געוואָרן צוויי איטאַליענישע אַרבעטער, אַנאַרכיסטן, סאַלסעדאָ און עליא. די צוויי זיינען געווען דרוקער, און פּראָוואָקאַטאָרן פון דעפּאַרט-מענט אָוו דזשאַסטיס האָבן זיי צוגערעדט אַרויסצוגעבן אַן אומ-לעגאַלע אַנאַרכיסטישע שריפט. באַלד זיינען זיי אַרעסטירט גע-

וואָרן און געהאַלטן געוואָרן אין די צימערן פון דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס, אויף פּארק ראָו, ניו יאָרק.

וואַנזעטי, וועלכער האָט געקענט די צוויי אַרבעטער, איז געקומען אין ניו יאָרק צו קריגן אַ פּאַרטיידיקער פאַר די צוויי אַרעסטירטע. באַלד איז ער געקומען צוריק אין מאַסאַטשוזעטס און ער מיט סאַקאָ׳ן האָבן גענומען אָרגאַניזירן אַ פּראָטעסט מי־טינג, וועלכער האָט געזאָלט פּאַרקומען אין בראָקטאָן, מאַסס, אין קלאַרק האָל, דעם 9טן מאַי, 1920.

דערווייל איז באַקאַנט געוואָרן די שרעקלאַכע נייַעס, אַז איי־נער פון די צוויי אַרעסטירטע, סאַלסעדאַ, איז געפונען געוואָרן אַ דער׳הרג׳עטער הינטערן פענסטער פון דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַס־טיס צימערן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפ׳ן אכטן שטאָק פון דער געביידע, פון וואַנען מען האָט אים אָדער אַראָפּ־געשטופּט, אָדער ער האָט אַליין זיך אַראָפּגעוואָרפן, ניט קענענדיג איבערטראָגן די יסורים, וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן.

סאַלסעדאָ׳ס חבר, עליא, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין איטאַליע, האָט דערקלערט, אַז סאַלסעדאָ׳ן האָט מען שרעק־לאַך געפּייניקט. ער אַליין איז אין עטלאַכע מאָנאַטן נאָכדעם ווי ער איז געקומען קיין איטאַליע, געשטאָרבן אַלס אַ רעזולטאַט פון דער אינקוויזיציע וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין.

סאַקאָ און וואַנזעטי ווערען אַרעסטירט

מיט פיר טעג איידער דער מיטינג אין בראָקטאָן האָט גע־זאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן, דעם 5טן מאַי, 1920, זיינען סאַקאָ און וואַנזעטי צופעליק אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ טראַמוויי וואָס איז געגאַנגען פון וועסט ברידזשוואָטער קיין בראָקטאָן.

אין פּאָליציי העדקוואָרדערס האָט מען זיי צום אַלעם ערשטן גענומען פאַנאַנדערפרעגן זייערע פּאָליטישע מיינונגען: צי זיינען זיי סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן, אָדער קאָמוניסטן? עס האָט ניט אויסגעזען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מאָרד־בלבול.

די פּאָליציי האָט זיי געהאַט בדעה אָנצוקלאָגן פאַר טראָגן געווער מיט זיך. ערשט מיט דריי וואָכן שפּעטער האָט די פּאָליציי זיך באַרעכנט, און מען האָט זיי „דערקענט“ אַלס געפערלאַכע פאַרברעכער.

וואַנזעטי׳ן האָט מען „דערקענט“, אַז ער האָט גענומען אָן אַנטייל אין אַ פּרוּוו צו באַרויבן אַ קעשיר אין ברידזשוואָטער,

מאסס., דעם 24טן דעצעמבער, 1919. סאקאָ'ן האָט מען „דערקענט“ אלס דעם הויפט אנטיילנעמער אין דעם מאָרד איבער דעם קאסירער פארמענטער, אין סאוט ברײנטרי, מאסס., דעם 15טן אפריל, 1920, ביי וועמען מען האָט צוגערויבט 15 טויזנט דאָלאר. צוזאמען מיט פארמענטער'ן איז גע'הרג'עט געוואָרן בע־ראַרדעלי, וועלכער האָט אים באוואכט.

וואַנזעטי ווערט פאר'משפ'ט

דעם 16טן אויגוסט, 1920, איז אין פלימוט פארגעקומען דער משפט איבער וואנזעטי'ן, און ריכטער וועבסטער טהייער האָט אים פארשיקט אויף 12 ביז 15 יאָר אין טורמע.

דאָס איז געווען דער ערשטער פריים־אפ ניט נאָר איבער וואנזעטי'ן. דער משפט האָט אויך געהאָלפן צו שאפן א פאר־אורטייל ביי דער דזשורי, וואָס האָט יע'משפט וואנזעטי'ן צו־זאמען מיט סאקאָ'ן פאר דעם מאָרד אין סאוט ברײנטרי.

דער הויפט עדות געגן וואנזעטי'ן פאר דעם ברידזשוואָטער פארברעכן איז געווען א אינגל, וועלכער פארקויפט צייטונגען, וועלכער האָט זיך באהאַלטן אונטער א סלופ... ווען די שיסעריי איז פאָרגעקומען. דער פארוואונדעטער קאסיר האָט געשאָסן אויף צוריק און עס איז געווען ניט קיין גוטע געלעגנהייט צו בא־טראכטן אליץ. דער אינגל האָט געזאָגט, אז ער האָט געזען דעם באנדיט, וועלכער „איז געלאָפן ווי א פרעמד־געבאָרענער, ווי א איטאַליענער, א רוס אָדער א מעקסיקאנער“.

דער ברידזשוואָטער רויבעריי־פארזוך איז פאָרגעקומען דעם 24טן דעצעמבער, ערב קריסטמאס. וואנזעטי איז געווען א פיש־פעדלער, און עס זיינען געווען צוואנציג עדות, וועלכע האָבן עדות געזאָגט, אז זיי האָבן געקויפט פיש ביי וואנזעטי'ן דעם טאָג אין פלימוט, מאסס., וואו ער איז געווען א גאנצן טאָג פארנומען מיט די יום־טוב'דיגע פיש־ביזנעס. מען האָט געקענט ברײנגען דעם טשיף אָף פאָלים און אנדערע באאמטע, וועלכע וואָלטן עדות געזאָגט אויף וואנזעטי'ס ערלאכקייט. מען האָט אָבער געדענקט, אז דאָס איז ניט נויטיק.

דער לאָיער האָט געראָטן וואנזעטי'ן ניט ארויפצוגיין אויף דעם עדות־שטול, כדי מען זאָל אים ניט אויספרעגן וועגן זיינע אנארכיסטישע אידייען, און וואנזעטי האָט געפאָלגט. די אָנקלאָגע האָט אויסגעטייטשט וואנזעטי'ס שטילשווייגן אלס אן אנערקענונג

אויף שולדיק, און ער איז פאַר׳משפט געוואָרן אויף פופצן יאָר טורמע.

דאָ איז ווערט צו באַמערקן איינע פון די פאַטאַלע פּאַסירונ־גען, וואָס האָבן געפירט צו דער הינריכטונג פון סאַקאָ און וואַנ־זעטי.

ביידע האָבן ניט געהאַט קיין מזל צו פּאַרטיידיקער. ווען דער ראָלע פון די פאַרטיידיקער ביים פּראָצעס פון מאָרד אין סאַונט ברייינטרי האָט וואַנזעטי דערמאָנט אין זיין רעדע (וועלכע איז געדרוקט ווייטער), אָבער שוין ביים ערשטן אורטייל איבער וואַנזעטי האָט זיין פאַרטיידיקער אין פאַרלויף פון משפט ניט געמאַכט קיין אויסזעצונגען, כדי צו באַוואָרענען זיך פאַר א מעגלאַכקייט פאַר אַן אַפּיל. וואַנזעטי איז פאַר׳משפּ׳ט געוואָרן און מען האָט געגן דעם גאָרניט געקענט טאָן.

דער משפט איבער סאַקאָ און וואַנזעטי

באַלד נאָכדעם איז וואַנזעטי צוגעטשעפּעט געוואָרן צו דער באַ־שולדיקונג געגן סאַקאָ, און ביידע זיינען גע׳משפט געוואָרן איבערן מאָרד אין סאַוט ברייינטרי דעם 15טן אַפּריל, 1920.

זיי זיינען אָפיציעל אָנגעקלאָגט געוואָרן דעם 11טן סעפּטעמ־בער, 1920. דעם 31טן מאַי, 1921, האָט זיך דער פּראָצעס אָנ־געהויבן אין דעדהאַם, מאַסס., פאַר דעם זעלביקן ריכטער טהייער.

דעם 14טן יולי האָט די דזשורי נאָך א באַראַטונג פון פינף שעה געפונען סאַקאָ און וואַנזעטי שולדיק אין ערשטן גראַד מאָרד.

די רעגירונג האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צו באַשאַפן אַן אַטמאָספערע פון האַס און פאַראַכטונג צו די אָנגעקלאָגטע.

פּאָליציי האָט באַוואַכט די געריכט הייזער און די באַזוכער זיינען אונטערזוכט געוואָרן, אויב זיי האָבן ניט ביי זיך קיין געווער.

צייטונגען האָבן געשריבן סענסאַציעס וועגן דראָאונגס בריוו צום ריכטער און פּראָקוראָר, כדי צו מאַכן דעם איינדרוק, אז מען האָט דאָ צו טאָן מיט א באַנדע פאַרברעכער.

דער פאַקט, וואָס וואַנזעטי איז שוין געווען א פאַראורטייל־טער, האָט שוין אויך געהאַט א ווירקונג אויף סאַקאָ׳ס שיקזאַל. די פאָדערונג פון דער פאַרטיידיקונג פאַר באַזונדערע פּראָצעסן איז צוריקגעוויזן געוואָרן.

די פארטיידיקונג באהויפטעט, אז דער אויסוואל פון דער דזשורי (די 12 איינגעשוואָרענע) איז געווען אומגעזעצלאך און איז געפירט געוואָרן אויף א מעטאָדע, וועלכע איז פריער ניט פראקטיצירט געוואָרן.

ווען עס האָט אויסגעפעלט דזשורי-לייט, האָט דער שעריף געגעבן א באפעל צו ברייגנען זיי פון א מיטינג פון די „מייסאָנס" (א רייכע פראטווירנאלע אָרגאניזאציע) אין א דערבייאיקן זאל, אנשטאָט די געוויינלאכע פראָצעדורע פון אויסוואל.

עס איז ווערט צו באמערקן, אז דער דיסטריקט אטוירני קאצמאן, וועלכער האָט אָנגעפירט די אָנקלאגע, און דער דער-מאָרדעטער קאסיר פארמענטער, זיינען געווען טעטיגע מיטגלידער פון דעם מייסאָן לאדזש.

אויסצופרעגן די פאָרגעשלאָגענע דזשורי קאנדידאטן וועגן זייער שטעלונג צו אָרגאניזירטע ארבעטער איז ניט דערלויבט געוואָרן אין דעם געריכט. די דזשורי איז באשטאנען הויפטזעכ-לאך פון פערזאָנען, וועלכע זיינען ניט פריינטלאך צו ארבעטער, און איבערהויפט — צו פרעמד-געבאָרענע ראדיקאלן.

לויט די שפעטערדיקע פאקטן, וועלכע די פארטיידיקונג האָט באקומען, ווייזט זיך ארויס, אז נאך איידער דער פראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן האָט דער פארמאן פון דער דזשורי זיך אויסגע-שפראָכן וועגן די אָנגעקלאָגטע: „פארדאמט זאָל עס ווערן! מען דאַרף זיי אויפהייגגן אין יעדן פאל!"

אָט דאס איז געווען דער טיפ פון די 12 מענטשן, וועלכע האָבן ארויסגעגעבן דעם אורטייל.

די עדות

פון די 35 עדות, וועלכע מען האָט ארויסגערופן ביים דער-האָם פראָצעס, האָבן זיבן אינגאנצן ניט דערקענט די אָנגעקלאָגטע. 22 זיינען געווען זיכער, אז ניט סאקאָ און ניט וואנזעטי זיינען געווען די פערזאָנען, וועלכע זיי האָבן געזען ביי דער מאָרד-סצענע. נאָר פיר האָבן „דערקענט" סאקאָ׳ן. צוויי פון די פיר האָבן יעדן מאָל געמאכט אנדערע באהויפטונגען, און די אנדערע צוויי זיינען געווען דיסקרעדיטירטע פערזאָנען. נאָר איינער האָט גע-טענה׳ט, אז ער האָט דערקענט וואנזעטי׳ן, אז ער האָט אים גע-

זען ביי דער מאָרד־סצענע. דעם איינעם האָט די אַנקלאַגע אויך געדאַרפט אַרויסהעלפן און אויסטייטשן זיינע ווערטער אַזוי, אַז עס זאָל זיין בעסער פאַר דער אַנקלאַגע.

דער איינציקער עדות צו דערקענען וואַנזעטי׳ן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ברייינטרי־מאָרד, איז געווען דער באַן־וועכטער ער האָט עדות געזאָגט, אַז מען האָט אויסגעשטעלט אַ ביקס קעגן מייקל לעוועגדזשי. ער האָט עדות געזאָגט, אַז מען האָט אויסגעשטעלט אַ ביקס קעגן אים, ער זאָל דורכלאָזן דעם אויטאָמאָביל איבער די רעלסן, וועלכע געפינען זיך ניט ווייט פון אָרט פונ׳ם מאָרד. דער שאָופער איז געווען אַ דיקער, טונקעלער מאַן מיט וואָנצעס. דאָס, האָט ער געטענה׳ט, איז געווען וואַנזעטי.

ביים קרייז־פאַרהער האָט ער זיך ווידערשפּראָכן, און מען האָט געדאַרפט „פאַרריכטן" זיינע ווערטער. זיין עדות זאָגן איז צעקלאַפּט געוואָרן דורך אַנדערע עדות, וועלכע האָבן דערציילט, אַז ער האָט זיי געזאָגט, אַז דער שאָופער איז גאָר געווען אַ בלאָנדער און אַ דאַרער. איין עדות האָט דערציילט ווי מייקל לעוועגדזשי האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט ניט געקענט גוט באַמערקן די פּערזאָנען.

דאָך איז לעוועגדזשי׳ס עדות־זאָגן אָנגענומען געוואָרן אַלס זייער וויכטיק און דאָס איז געווען כמעט די איינציקע שטיצע, וואָס די רעגירונג האָט געהאַט קעגן וואַנזעטי׳ן.

עדות ווידערשפּרעכן זיך

עס זיינען געווען נאָך עדות, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן געזען וואַנזעטי׳ן אין פאַרשיידענע פּלעצער ניט ווייט פון דער מאָרד־סצענע. איינער האָט געהאַט דעם הויפּט־סימן — וואַנזעטי׳ס וואָנצעס. ווען מען האָט אים געבראַכט אַן אַנדער פּערזאָן, אויך מיט וואָנצעס, האָט ער געזאָגט: פּיליייכט איז טאַקע דער דאָזיגער גאָר די פּערזאָן, וועמען ער האָט געזען, און ניט וואַנזעטי.

די עדות קעגן סאַקאָ׳ן זיינען געווען פיר: מיס ספּלין, מיס רעלווין, פּעלצער און גודריטש. די ערשטע צוויי זיינען די טייפּרייטערינס פון דער פירמע סלייטער און מאָריל, די שיך פאַבריקאַנטן, ביי וועמען דער דערמאָרדעטער קאַסיר פּאַרמענטער איז געווען אָנגעשטעלט.

נאָך זייער איינענע עדות־זאָגן ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זיינען געווען אין דער פאַבריק אין אַזאַ פּאָזיציע, וואָס איז געווען אוממעגלאַך פאַר זיי אַלץ צו באַמערקן. דאָך האָבן זיי ביידע

נעגעבן פינקטלאכע באשרייבונגען פון די באנדיטן, אז עס זאל שטימען מיט'ן אויסזען פון סאקא'ן און וואנזעטי'ן.

מיס דעלוויין האט געהאט געזאגט, אז זי איז פאזיטיוו, אז דאס איז געווען סאקא. ווען מען האט איר דערמאנט, אז ביי א פריערדיקן פארהער האט זי געגעבן אן אנדער באשרייבונג פון פערזאן, האט זי שוין געזאגט, אז זי איז ניט פאזיטיוו אז דאס איז געווען סאקא.

און דאך זיינען די דאזיקע צוויי בוכהאלטערינס פון דער פירמע געווען פאררעכנט ביי דער אנקלאגע אלס די שטארק-סטע עדות.

דער דריטער עדות איז געווען א אידיש-אמעריקאנער בחור מיט'ן נאמען פעלדער.

פעלדער איז געווען א שוך-צושניידער (זאגאטאווטשטשיק) אין דער רייס און האטשינסאן פאבריק. ווי ער דערציילט, האט ער דורך א שפארונע, אין דער פענסטער, צוגעזען די מארד-סצענע, און ווען ער האט געעפנט די פענצטער צוצוקוקן זיך, האט עס געהאגלט מיט קוילן. פונדעסטוועגן איז ער געווען אזוי העלדיש, אז ער האט רואיק זיך פארשריבן דעם נומער פון אויטאמאביל און אויך גוט באמערקט די פערזאנען. ער האט דערציילט, אז ער האט אלץ געקענט זען אזוי, אז ער זאל באמערקן אפילו די שפילקע אין קאלנער פון איינעם פון די באנדיטן. און דאך האט ער צום סוף דערקלערט: „איך וועל ניט זאגן, אז דאס איז געווען סאקא, כאטש ער האט פונקט אויסגעזען ווי ער.“

ביים קרייץ-פארהער האט זיך פעלדער אזוי פארפלאנטערט, אז מען האט אים געכאפט ביי איין ליגן נאכ'ן צווייטן. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז פעלדער האט א צייט ניט געארבעט און איז אנגעקומען ארבעטן אין דער פאבריק א פאר חדשים פאר דעם פראצעס. פערצן חדשים זיינען אוועק פון דעם טאג פון דעם פארברעכן ביז דעם טאג, וואס פעלדער האט אין דעדהאם געריכט-הויז געזאגט, אז ער האט „דערקענט“ סאקא'ן — נאכדעם ווי מען האט אים פריער געוויזן א בילד פון אנגעקלאגטן...

דריי ארבעטער פון דער זעלבער פאבריק, וועלכע האבן גע-ארבעט אין יענער צייט מיט פעלדער'ן, האבן עדות געזאגט, אז פעלדער האט גארניט געזען; אז איינער מעקאלום האט געעפנט די פענצטער און אויסגעשריען: „מען שיסט!“ און פעלדער, צוזאמען מיט אנדערע, האבן זיך באהאלטן אונטער די בענק אין פאבריק, און גארניט געהאט קיין געלעגנהייט ארויסצוקוקן אין דרויסן.

דער פּערטער עדות געגן סאַקאָ'ן איז געווען קאַרלאָס גוד־ריטש. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אין פּול-רום (ביליאַרד־פּלאַץ) ניט ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו דער מאָרד איז פאָרגעקומען. ער האָט געזען אַן אויטאָמאָביל מענטשן מיט אויסגעשטעלטע ביקסן, און ער „דערקענט", אַז איינער פון זיי איז געווען סאַקאָ.

דריי פּערזאָנען, וועלכע זיינען אויך געווען אין פּול-רום צו־זאַמען מיט דעם גודריטש, האָבן עדות געזאָגט, אַז גודריטש זאָגט ליגן, און אַז ער האָט גאָרניט געזען.

גודריטש האָט אַ קרימינעלן רעקאָרד. דער ריכטער האָט ניט געלאָזן פאָרברייננגען די באַווייזן, אַז גודריטש איז אָנגעקלאָגט פאַר גנבה, טענה'נדיק, אַז גודריטש איז נאָך ניט פאַראורטיילט, כאָטש ער האָט זיך מודה געווען אין דער גנבה.

מרס. אַנדריוס געשיכטע

די רעגירונג האָט זיך אויך געשטיצט אויף דעם עדות-זאָגן פון אַ פרוי מיט דעם נאָמען לאָלאַ אַנדריוס, וועלכע זאָגט, אַז זי האָט ניט געזען די מאָרד-סצענע, נאָר אין דער פרי, גייענדיק זוכן אַרבעט, האָט זי געטראָפן דעם אויטאָמאָביל מיט צוויי מענטשן, איינער פון זיי אונטער דעם אויטאָמאָביל, און אים האָט זי עפּעס געפרעגט. יענער איז דאָס געווען סאַקאָ. (וואָרום זי האָט גראָדע געפרעגט דעם, וואָס איז געווען אונטער דער מאַשין און ניט דעם, וואָס איז געשטאַנען דערביי, האָט זי ניט דער־קלערט).

ביים קרייץ-פאַרהער, ווען פרעד מור, דער לאָיער פאַר דער פאַרטיידיקונג, האָט איר באַוויזן אַ פּאָר בילדער, האָט זי גאָר אָוועקגעחלש'ט און מען האָט איר געמוזט אַרויסטראָגן פון קאָורט.

הערי קורלאַנסקי, אַ שניידער, האָט נאָכדעם דערציילט, אַז מרס. אַנדריוס האָט געזאָגט אַז זי האָט ספּעציעל גע'חלש'ט, ווייל מען האָט זיך גענומען גריבלען אין איר פאַרגאַנגענהייט, וועלכע איז גאָר ניט אַזאַ שיינע. זי האָט אויך געזאָגט דעם שניידער, אַז זי קען ניט דערקענען די פּערזאָנען פון ברייננטרי, נאָר די פּאָליציי האָט פון איר געפאָדערט, אַז זי זאָל גיין דערקענען די פּערזאָנען. אַ פּאָליציי-באַאַמטער און אַ רעפּאָרטער פון אַ צייטונג האָבן אויך עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן מיט איר גערעדט אַ צייט פריער און זי האָט זיי געזאָגט, אַז זי קען ניט דערקענען די פּערזאָנען, וועלכע זי האָט געזען יענעם טאָג אין ברייננטרי.

אַ פרוי, וועלכע איז מיט איר געווען צוזאַמען יענעם טאָג,

האט דערציילט א גאנץ אנדער געשיכטע, ווי די וואס מרס. אנדריוס האט דערציילט אויפ׳ן עדות-שטול.

עס זיינען אויך געווען מענטשן, וואס האבן עדות געזאגט, אז מרס. אנדריוס איז א פרוי מיט א שלעכטער רעפוטאציע, און אז זי איז באקאנט אלס ליגנערין.

די סמנים פון די קוילן

די רעגירונג האט זיך אויך געשטיצט אויף די קוילן, וואס מען האט געפונען אין די קערפערס פון די דערמארדעטע. די רעגירונגס-עקספערטן האבן געזאגט, אז דאס איז געווען פון אזא ביקס, ווי מען האט געפונען ביי סאקא׳ן.

ביים קרייץ-פארהער האבן די עקספערטן באוויזן, אז זיי ווייסן וויייניג וועגן דעם ענין אינגאנצן.

די פארטיידיקונג האט געהאט עקספערטן פון געוועהר פאבריקן, וועלכע האבן באוויזן, אז די קוילן האבן נים געקענט זיין פון סאקא׳ס ביקס.

צוויי און צוואנציק עדות זיינען געווען, וועלכע האבן געהאט די געלעגנהייט צו זען די מארד-סצענע און זיינען געווען זיכער, אז סאקא און וואנזעטי זיינען נים געווען די מערדער פון דעם ברייינטרי קעשיר.

עדות פאר דער פארטיידיקונג

די פארטיידיקונג האט געבראכט עדות, וועלכע האבן אויפגעוויזן, אז וואנזעטי איז גאר אין טאג פון מארד געווען אין פלימוט, מאסס., ווייט אוועק פון דער מארד-סצענע.

דזשאזעף ראזען, א מאנופאקטור-פעדלער, האט עדות געזאגט, אז אין דעם טאג, וואס דער ברייינטרי-מארד איז פארגעקומען, האט ער פארקויפט וואנזעטי׳ן סחורה פאר אן אנצוג, אויך אין פלימוט, מאסס., און אז וואנזעטי האט נים געקענט זיין אין ברייינטרי יענעם טאג.

די רעגירונג האט זיך אויך געשטיצט אויף דעם פאקט, וואס דעם טאג, וואס דער מארד איז פארגעקומען, איז סאקא נים געווען ביי דער ארבעט.

די פארטיידיקונג האט געבראכט עדות, וועלכע האבן געזען סאקא׳ן דעם טאג אין באסטאן, וואו ער איז געקומען צוגרייטן

זיך מיט שיפּסקאַרטן צו פאָרן קיין איטאַליע. און מען האָט אָנ־געוויזן די פּלעצער, וואו ער איז געווען. דאָס האָט קלאָר באַ־וויזן, אַז ער איז די צייט פון מאָרד ניט געווען גאָר אין ברייִנטרי.

צוויי באַאַמטע פון איטאַליענישן קאָנסולאַט האָבן דעם פאַקט באַשטעטיקט. עס איז אויך דורך עדות באַשטעטיקט געוואָרן, אַז נאָכדעם ווי סאַקאָ איז אַוועק פון קאָנסול, האָט ער געגעסן אין אַ איטאַליענישן רעסטאָראַן מיט איטאַליענישע זשורנאַליסטן. אויך אַ געוויסער אַדווערטייזינג אַגענט איז דערביי געווען. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין באָסטאָן, אין דעם טאָג פון מאָרד אין סאַוט ברייִנטרי. די צוויי איטאַליענישע שרייבער זייִנען גרייט געווען עדות צו זאָגן וועגן דעם, אָבער מען האָט זיי קיינמאָל ניט גערופן אין געריכט. סאַקאָ האָט עפנטלאַך דערקלערט, אַז מען וויל זיי ניט רופן, ווייל זיי זייִנען פרעמד־געבוירענע.

ווי ווייט די מאַנופעקטשורערס האָבן געהאַט אַ האַנט אין דער קייס, קען דינען דער דאָזיקער פאַקט.

ווי מען גיט איבער, האָבן דריי פון די, וואָס האָבן עדות געזאָגט צום גונסטן די אָנגעקלאָגטע, פאַרלאָרן זייער אַרבעט גלייך נאָך דעם טרייעל. ראַגענן, איינער פון די דזשורי־לייט איז אַרויס־געשטעלט געוואָרן אויף דעם פּיי־ראָל פון דער פאַבריק.

איינער פון די עדות פון דער פאַרטיידיקונג איז געווען אַזוי נאָענט צו דער מאָרד־סצענע, אַז אַ קויל האָט דורכגעלעכערט זייִן מאַנטל. ער איז זיכער, אַז סאַקאָ איז ניט געווען דער יעניגער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דעם מאָרד.

מען האָט זיי גע׳משפּט פאַר זייער ראַדיקאַליזם

אַ ווייכטיקער באַווייז פאַר דער אומשולד פון סאַקאָ און וואַנ־זעטי איז געווען דער פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך נאָך אין מאַי, 1920, אינטערעסירט מיט די קרבנות פון דער „רויטער" היס־טעריע, און האָבן זיך אונטערגענומען צו אָרגאַניזירן אַן עפנטלאַכן פּראָטעסט מיטינג. ווען זיי וואָלטן שולדיק געווען אין מאַכן רויבערייען און אין מאָרדן מענטשן, וואָלטן זיי זיכער זיך ניט פאַרנומען מיט אַזעלכע זאַכן און ניט געריקט זיך אין דער עפענט־לאַכקייט.

סאַקאָ און וואַנזעטי זייִנען גע׳משפּט געוואָרן ווייל זיי זייִנען געווען אַנאַרכיסטן און אימיגראַנטן, דעריבער איז גרינג געווען צו מאַכן זיי פאַר שעיר לעזאזל׳ס. דער גאַנצער פּראָצעס איז געווען באַפאַרבט מיט זייער ראַדיקאַליזם. עס זייִנען אַרויס־

געבראַכט געוואָרן די פאַקטן, אַז סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען געווען געגן דער מלחמה, און אַז סאַקאָ איז אַנטלאָפן קיין מעקסיקאָ.

דער ריכטער, ווען ער האָט אַדרעסירט די דזשורי-לייט, האָט ער גערעדט צו זיי וועגן פּאַטריאָטיזם און איבערגעבנקייט צו אַמעריקע. ער האָט גערעטן די דזשורי-לייט אויפצוהויבן זיך אויף דער זעלבער הויך וואָס די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געפאָרן אין פראַנקרייך קעמפן פאַר דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

דעם 14טן יולי האָט די דזשורי אַרויסגעטראָגן איר אורטייל:

— שולדיק אין ערשטן גראַד מאָרד.

די פּראָטעסטן

באַלד ווי דער אורטייל איז באַוואוסט געוואָרן האָט זיך אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון פּראָטעסטן אין פאַרשידענע לענדער.

גרויסע פּראָטעסט דעמאָנסטראַציעס זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען אין איטאַליע, וועלכע איז נאָך ניט געווען אונטער דער הערשאַפט פון פאַשיזם, אין פראַנקרייך, שפּאַניע, סאָוועטן-רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, ווי אויך אין צענט ראַלן און אין דרום אַמעריקע.

אַ גרויסע ליטעראַטור איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן, וואו ס׳איז אויפגעקלערט געוואָרן וועגן דער אומשולד פון די צוויי מאַרטירער.

אַנאַטאָל פראַנס, ראָמען ראָלאַן, אַנרי באַרביוס, און אַנדערע שיינע גייסטער פון אַלערליי לענדער, זיינען אַרויסגעטראָטן מיט אָפענע פּראָטעסטן, געווענדעט זיך צו פּרעזידענט האַרדינג, געפאָדערט די באַפרייאונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי. דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען פאַר די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָרס פון די פאַרשיידענע שטעט אין דער וועלט.

די באַוועגונג פאַר אַ נייעם פּראָצעס

אין אָקטאָבער, 1921, האָט זיך אָרגאַניזירט אין באָסטאָן אַ דעפענס קאָמיטעט, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו פאָדערן אַ נייעם פּראָצעס. דעם 24טן דעצעמבער, 1921, האָט ריכטער טהייער די פאָדערונג אָפּגעזאָגט. באַלד אָבער נאָכדעם האָט די פאַרטיידיקונג אָנגעהויבן קריגן באַווייזן, וואָס האָבן די באַוועגונג פאַר אַ נייעם פּראָצעס פאַרשטאַרקט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער דזשורי-רום זיינען

פאַרגעקומען „אומרעגלמעסיקייטן", וועלכע האָבן באאיינפלוסט דעם אורטייל.

מר. ריפלעי, דער פאָרמאַן פון דער דזשורי, האָט געהאַט ביי זיך קוילן, וועלכע ער האָט געוויזן די דזשורי-לייט, און געמאַכט

די טויטן־מאַסקע פון סאַקאָ (געצייכנט פון גראָפּער)

א פארגלייך מיט די קוילן, וואָס מען האָט געפונען אין די קערפּערס פון די דערמאָרדעטע.

די פאַרטיידיקונג האָט קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט אָפּצושטרייטן די באַווייזן, און דאָס איז געגן דעם געזעץ, וועלכער

גיט דאָס רעכט יעדן אָנגעקלאָגטן צו זען אַלע באַווייזן, כדי מען זאָל זיי קענען אָפּשטרייטן.

דעם ערשטן יאַנואַר, 1922, האָט די פאַרטיידיקונג אָפיציעל געמאָלדן וועגן די נייע פאַקטן.

די טויטן־מאַסקע פון וואַנזעטי (געצייכנט פון גראָפּער)

די אַפידייוויטס פון אַנדריוס און פּעלדער

דעם 23טן האָט ריכטער טהייער געגעבן די פאַרטיידיקונג צייט צוזאַמענצושטעלן אַ „ביל אָוו עקסעפּשאָנס“. דעם 11טן

סעפּטעמבער האָט די פּאַרטיידיקונג אַריינגעגעבן איר פּאַרלאַנג פאַר אַ נייעם פּראָצעס.

דערביי האָט די פּאַרטיידיקונג אַריינגעגעבן צוויי אַפידייוויטס פון די עדות אַנדריוס און פּעלדער, וועלכע האָבן געשוואָרן, אַז זיי האָבן אויפ'ן פּראָצעס עדות געזאָגט פאַלש. שפּעטער אָבער האָבן די זעלביקע עדות געגעבן אַנדערע אַפידייוויטס דער רע־גירונג, אין וועלכע זיי האָבן געזאָגט, אַז זייערע „ווידוי'ס" זיינען געווען פאַלשע.

אַט דאָס זיינען די עדות, אויף וועלכע די רעגירונג האָט זיך געשטיצט.

סאַקאָ'ס ערשטער הונגער סטרייק

דעם 16טן פעברואר, 1923, האָט סאַקאָ דערקלערט אַ הונ־גער סטרייק. דאָס שמאַכטן אין תּפיסה האָט געווירקט אויף דעם געזונט פון די צוויי מאַרטירער און אויך אויף זייער שטימונג. סאַקאָ האָט ביים אָנהויבן זיין סטרייק געזאָגט: „איך וויל זיין פריי, אָדער שטאַרבן." דער דאָזיקער סטרייק האָט אָנגעהאַלטן דרייסיק טעג. נאָכדעם האָט מען אים צוגענומען אין אַ משוגעים־הויז. ווען זיין געזונט האָט זיך פאַרבעסערט, האָט מען אים ווידער געבראַכט אין טורמע. אין אָנהויב 1925 איז וואַנזעטי אויך געווען אַ קורצע צייט אין אַ משוגעים־הויז צוליב זיין געזונט־צושטאַנד.

דעם 1טן מאַי, 1923, האָט ריכטער טהייער אָפּגעוואָרפן 5 פאָרשלאָגן פון דער פּאַרטיידיקונג מבטל צו מאַכן דעם אורטייל פון דער דזשורי.

דער פּראָקטאָר אַפידייוויט

דעם 21טן נאָוועמבער, 1924, האָט דער לאָיער וויליאַם ג. טהאַמפּסאָן, געוועזענער דיסטריקט אַטוירני פון באָסטאָן, איבער־גענומען די פּאַרטיידיקונג און אָנגעהויבן אַרבעטן צו דערשלאָגן זיך אַ נייעם פּראָצעס.

איינער פון די וויכטיקסטע אַפידייוויטס, וואָס די פּאַרטיי־דיקונג האָט צוגעשטעלט צו באַווייזן די אומשולד פון סאַקאָ און וואַנזעטי, איז דער אַזוי גערופענער פּראָקטאָר־אַפידייוויט.

דער קעפּטן וויליאַם ה. פּראָקטאָר פון דער סטייט פּאָליציי

האט אויף סאקא און וואנזעטי׳ס פראצעס כלומרשט עדות גע-זאגט, ווי א געווער-עקספערט, אז די טויטלאכע קויל, וואס מ׳האט ארויסגענומען פון דערמארדעטן בערארדעלי, איז געפייערט גע-ווארן פון סאקא׳ס רעוואלווער.

פראקטאר האט שפעטער אויסגעשוואָרן אן אפידייווים, אז ער האט דאס ניט פעסטגעשטעלט. פראקטאר האט דערקלערט אין א סטייטמענט, אז ער איז קיינמאל ניט געווען זיכער, אויב די קויל איז טאקע געקומען פון סאקא׳ס רעוואלווער, נאר אז ער האט אפגעמאכט מיט דעם דיסטריקט אטירני קאצמאן, אז יענער זאל צוגרייטן א פארנעפלטע פראגע און ער זאל אזוי ענטפערן, די דזשורי זאל זיך אפנארן.

דער דיסטריקט אטירני קאצמאן און זיין אסיסטענט הערלאלד פ. וויליאמס, וואס האבן אויסגעארבעט דעם גאנצן פריים-אפ אויף סאקא און וואנזעטי, האבן געלייקנט די קלאגן, און ריכטער טהייער האט זיך מיט דעם פראקטאר-אפידייווים ניט געוואלט רעכענען און ניט געוואלט באוויליקן אויף דעם סמך קיין נייעם פראצעס.

דער ווידוי פון סעלעסטינא מאדעיראס

דעם 10טן יאנואר, 1926, האט א געוויסער פארברעכער, סעלעסטינא מאדעיראס, א פארטוגעזער, וועלכער איז געווען פאר-אורטיילט צום טויט פאר א מארד, מודה געווען זיך, אז ער האט געזען ווי די מארעלא גענג, פון פראווידענס, ראוד איילאנד, צו וועלכער ער אליין האט אויך באלאנגט, איז באגאנגען דאן דעם מארד אין סאוט ברייננטרי.

מאדעיראס האט אין זיין אפידייווים דערקלערט זאכן, וואס דער סטייט האט ניט געקענט אויפקלערן. אין זיין ווידוי ווייזט ער אן נעמען, ווער עס זיינען געווען די מיטגלידער פון דער באנדע, בעת דער סטייט האט פאר די זיבן יאר ניט געקענט אנווייזן אויף די איבעריקע אנטיילנעמער אין דעם איבערפאל, אויסער סאקא און וואנזעטי. און געווען זיינען 5 אדער 6 אנטיילנעמער. מא-דעיראס האט אויך דערקלערט, וואו זיי האבן אהינגעטאן די פופצן טויזנט דאלאר, וואס די באנדיטן האבן ארויסגעכאפט פון די הענט פון די דערמארדעטע, בעת די אנקלאגע האט ניט געקענט באווייזן וועגן אן איינציקן דאלאר ביי סאקא און וואנ-זעטי. מאדעיראס האט אויך אנגעוויזן, פון וואנען עס קומען

די זעקס קוילן אין די דערמאָרדעטע, בעת די אַנקלאַגע האָט אָנ־געוויזן אויף בלויז איין קויל פון די זעקס, וואָס איז געקומען כלומר׳שט פון סאַקאָ׳ס רעוואָלווער, און דער באַווייז איז שפּעטער אויך אָפּגעלייקנט געוואָרן דורך דעם פּראָקטאָר־אַפּידייוויט. פון מאַדיעראָס׳עס ווידוי איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן די מיינונג פון דערפאַרענע דעטעקטיוון, אַז דער האָלד־אַפּ איז באַגאַנגען געוואָרן פון פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, וואָס סאַקאָ און וואַנ־זעטי זיינען עם לכל הדעות ניט געווען.

דזשאַדזש טהייער האָט אָבער דערקלערט, אַז ער גלויבט ניט די ווערטער פון מאַדעיראָס, און עקשנות׳דיק באַקעמפט די פאָ־דערונג פאַר אַ נייעם טרייעל.

דעם 13טן יאַנואַר האָט די פאַרטיידיקונג זיך געווענדט צום העכסטן געריכט פון מאַסאַטשוזעטס סטייט, און געפאָדערט אַ נייעם פּראָצעס. דעם 12טן מאַי האָט דער דאָזיקער געריכט דעם פאַרלאַנג אָפּגעזאָגט.

דעם 13טן סעפּטעמבער פון זעלביקן יאָר, האָט זיך די פאַר־טיידיקונג ווידער געווענדעט וועגן אַ נייעם פּראָצעס, שטיצנדיק זיך אויף דעם ווידוי פון מאַדעיראָס. דעם 24טן אָקטאָבער האָט טהייער דעם פאַרלאַנג צוריקגעוויזן.

די אַפּידייוויטס פון די צוויי אַגענטן פון דעפּאַרט־מענט אָוו דזשאַסטיס

דער דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס האָט צו דער סאַקאָ און וואַנזעטי געשיכטע געהאַט אַ זייער גרויסע שייכות. און דאָס אַליין באַווייזט, אַז זייער זינד איז ניט באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי זיינען געווען מערדער. די פעדעראַלע רעגירונג אינ־טערעסירט זיך ניט מיט קרימינעלע פאַרברעכער. דאָס איז די אַרבעט פון סטייט.

דער דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס האָט זיך אָבער יאָ אינ־טערעסירט מיט סאַקאָ און וואַנזעטי. עס ווערט באַשולדיקט, אַז מען האָט זיי צוגעטשעפּעט קרימינעלע פאַרברעכנס, כדי מען זאָל זיי קענען אַרויסשיקן פון לאַנד. אָבער די היסטאָריע פון 1920, און די שטימונג פון דעם ריכטער טהייער און דער דזשורי, האָט געבראַכט דערצו, אַז עס איז געגאַן זיי אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ מאָרד־אורטייל.

דעם 8טן יולי, 1926, האָט לאָרענס לעטהערמאַן, אַ געוועזע־

נער אגענט פון דעפּאַרטמענט אָוו דזשאָסטיס, אויסגעשוואָרן אַן אפידייוויט וועגן דעם ענין. דאָרט זאָגט ער, צווישן אַנדערע:
„איך בין 36 יאָר געווען אין דינסט פון דער פעדעראַלער רעגירונג, דערנאָך דריי יאָר אַן אַגענט פון דעפּאַרטמענט אָוו דזשאָסטיס אין באָסטאָן, אַלס הויפּט פון דער אויספאָרשונגס-ביוראָ."

„. . . איך האָב מיטגעאַרבעט אין אַ באַדייטנדער מאָס מיט די אַגענטן פון דעפּאַרטמענט אָוו דזשאָסטיס אין באָסטאָן, אין זאַכן וואָס זיינען אונז אַלע געווען נוגע, דערין אויך דער סאַקאָ-וואַנזעטי ענין. דער מאַן, וואָס האָט געאַרבעט אונטער מיר און איז געווען אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט דעם ענין, איז געווען מר. וויליאַם וועסט, וועלכער איז נאָך ביז איצט פאַרבונדן מיט׳ן דעפּאַרטמענט אָוו דזשאָסטיס אין באָסטאָן. איך וויים, אַז מר. וועסט האָט מיטגעאַרבעט מיט מר. קאַצמאַן, דעם דיסטריקט-אַטוירני, אין פאַרלויף פון פּראָצעס וועגן דעם ענין..."

אין דעם אפידייוויט דערציילט לעטהערמאַן, אַז וועסט האָט אַנגעשטעלט אַ רייע שפּיאָנען נאָכצופאָלגן סאַקאָ און וואַנזעטי. איין שפּיאָן, קאַרבאָנע, האָט מען אַריינגעזעצט אין טורמע לעבן סאַקאָ׳ן, כדי ער זאָל פון אים אַרויסקריגן אינפאָרמאַציע. ער האָט אָבער גאָרניט געקראָגן.

אַן אַנדער אַגענט, וועיאַנד, האָט דעם 1טן יולי, 1926, אויך אַרויסגעגעבן אַ סטייטמענט, וואו עס איז באַשטעטיקט געוואָרן די געשיכטע מיט די דעטעקטיוום און מיט קאַרבאָנע׳ן.

דאָס באַווייזט קלאָר, אַז דער דעפּאַרטמענט אָוו דזשאָסטיס האָט מיטגעאַרבעט מיט דעם דיסטריקט אַטוירני קאַצמאַן, הגם סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אַ קרימינעלן פאַרברעכן.

די דעפענס קאָמיטע האָט כסדר געפאָדערט, אַז מען זאָל עפענען דעם אַרכיוו פון דעפּאַרטמענט אָוו דזשאָסטיס. אין דעם אַרכיוו, איז באַהויפּטעט געוואָרן, זיינען געווען מאַטעריאַלן, וואָס האָבן באַוויזן סאַקאָ און וואַנזעטי׳ס אומשולד.

דעם 27טן יאַנואַר, 1927, האָט די פאַרטיידיקונג פּראָטעסטירט צום העכסטן געריכט פון מאַסאַטשוזעטס געגן דער אַנטשיידונג פון טהייער. דעם 5טן אַפּריל איז דער פּראָטעסט צוריקגעוויזן געוואָרן.

דעם 9טן אַפּריל, 1927, איז זיך אין דעדהאַם, מאַס., ווידער צוזאַמענגעקומען די דזשורי, וואָס האָט גע׳משפּט די צוויי אָנגעקלאָגטע אין 1921. סאַקאָ און וואַנזעטי האָבן דאַמאָלס געהאַלטן

זייערע היסטארישע רעדעס אין געריכט. נאך די רעדעס האט ריכטער טהייער ארויסגעטראגן דעם אורטייל, אז סאקא און וואנ־זעטי זאלן הינגעריכטעט ווערן אויפ׳ן עלעקטרישן שטול דעם 10טן יולי, 1927.

דער טויט אורטייל ווערט אפגעלייגט אויף אויגוסט דעם 10טן

דעם 23טן אפריל האט גאווערנאר אלווין ט. פולער אנגעהויבן אויסצופארשן דעם ענין פון סאקא און וואנזעטי. דעם ערשטן יוני האט ער באשטימט א קאמיסיע, וואס איז באשטאנען פון א. לאורענס לאועל, פרעזידענט פון הארווארד אוניווערסיטעט; מר. סטראטאן, פרעזידענט פון מאסאטשוזעטסער אינסטיטוט פון טעכנאלאגיע, און דעם געוועזענעם ריכטער ראבערט גרענט. מיט דער קאמיסיע האט זיך דער גאווערנאר געזאלט בעראטן.

דעם 29טן יוני האט דער גאווערנאר אפגעלייגט דעם טויט־אורטייל פון סאקא און וואנזעטי און מאדעיראס אויף דעם 10טן אויגוסט.

דעם 3טן אויגוסט האט ער ארויסגעגעבן זיין אנטשלוס, אז סאקא און וואנזעטי זיינען שולדיק און אז זיי האבן געקראגן א גערעכטן משפט.

מיט איין טאג פריער, דעם 2טן אויגוסט, איז אויך באוואוסט געווארן א נייער וויכטיקער פאקט, וואס האט באוויזן וואנזעטי׳ס אומשולד אין דעם אנפאל אין ברידזשוואטער, פאר וועלכן ער איז פאר׳משפט געווארן צו 15 יאר טורמע, און וועלכעס האט געהאט אן איינפלוס אויפ׳ן פראצעס.

אין דער קאנטאר פון דער אמעריקאן עקספרעס קאמפאני אין פלימוט, איז געפונען געווארן א רעסיט (קבלה), וואס וואנ־זעטי האט אונטערגעשריבן פאר א פעסל פיש, וואס די קאמפאני האט אים צוגעשטעלט דעם 24טן דעצעמבער, 1919, דאס הייסט אין דעם טאג, ווען ער האט, לויט׳ן פריים־אפ, גאר געזאלט זיין אין ברידזשוואטער.

דער גאווערנאר האט זיך אבער אפגעזאגט צו נעמען דעם וויכטיקן דאקומענט אין אכט.

נאך פארשיידענע ווענדונגען פון דער פארטיידיקונג צו מיט־גלידער פון העכסטן געריכט פון לאנד און דורך אנדערע מיטלען איז קלאר געווארן, אז דער טויט־אורטייל וועט אויסגעפירט ווערן.

צום 10טן אויגוסט, ווען דער טויט-אורטייל האָט געדאַרפט אויסגעפירט ווערן, און אין דעם טאָג גופא, זיינען פאָרגעקומען מאַסן סטרייקס און מאַסן דעמאָנסטראַציעס אין פאַרשידענע לענדער, דערין אויך אין די וויכטיקסטע צענטרן פון אַמעריקע. קיין באָסטאָן זיינען דעם טאָג אָנגעקומען פּיקעטס פון פאַרשידענע שטעט, באַזונדערס פון ניו יאָרק.

דעם גאַנצן טאָג און אין אָוונט האָט זיך די וועלט צוגע-קוקט מיט געשפּאַנטקייט צו דעם, וואָס וועט פאָרקומען אין דער טשאַרלסטאָנער טורמע פון מאַסאַטשוזעטס. דער טויט-אורטייל האָט געזאָלט אויסגעפירט ווערן דריי מינוט נאָך 12. 20 מינוט צו צוועלף האָט דער גאָווערנאָר, נאָך אַ באַראַטונג מיט׳ן קאָונסיל פון סטייט, געלאָזט וויסן, אַז ער לייגט אָפּ דעם אורטייל ביז דעם 22טן אויגוסט.

אין דער נאַכט פון 22טן אויפ׳ן 23טן אויגוסט, 1927

די פאַרטיידיקונג האָט זיך נאָך פּרובירט דורך פאַרשיידענע טעכנישע געזעצלאַכע מיטלען אָפּצושטעלן די הינריכטונג. זי האָט זיך געווענדעט צו די ריכטער פון מאַסאַטשוזעטס און צו די העכסטע ריכטער פון לאַנד. אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט די הינ-ריכטונג אָפּצוהאַלטן, צווישן זיי אויך די אַזוי גערופענע ליבעראַלע ריכטער האָלמס און בראַנדייס.

פון גאַנץ אַמעריקע און פון אַלע עקן וועלט זיינען אָנגעקומען צו גאָווערנאָר פולער הונדערטער און הונדערטער טעלעגראַמען. די טעלעגראַמען זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן ניט געעפנטערהייט...

דריי שעה פאַר דער הינריכטונג האָבן זיך געווענדעט צום גאָווערנאָר סאַקאָ׳ס פרוי, ראָזע סאַקאָ, און וואַנזעטי׳ס שוועסטער, לואידזשיא וואַנזעטי, וועלכע איז מיט דריי טעג פריער, פרייטיק, דעם 19טן אויגוסט, געקומען קיין אַמעריקע. זיי האָבן געבעטן דעם גאָווערנאָר, אַז ער זאָל ראַטעווען די לעבנס פון סאַקאָ און וואַנזעטי.

קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. אין דער נאַכט פון 22טן אויפ׳ן 23טן אויגוסט זיינען סאַקאָ און וואַנזעטי געזעצלאַך דערמאָרדעט געוואָרן אין דער טורמע פון טשאַרלסטאָן, מאַסאַטשוזעטס.

פריער איז דורכגעפירט געוואָרן דער טויט-אורטייל פון סע-

לעסטינאָ מאַדעיראָס, וועלכער האָט זיך כסדר גערעטעוועט פון טויט צוליב סאַקאָ און וואַנזעטי.

סאַקאָ איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אויפ'ן עלעקטרישן שטול 12 אַזייגער מיט 11 מינוטן נאָך האַלבע נאַכט. 8 מינוטן שפּעטער איז ער פון די טורמע דאָקטוירים דערקלערט געוואָרן טויט.

וואַנזעטי איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף דעם עלעקטרישן שטול אין אַ מינוט אַרום, 12 אַזייגער מיט 20 מינוט נאָך האַלבע נאַכט, און 6 מינוט שפּעטער איז וואַנזעטי דערקלערט געוואָרן טויט.

ראָזע סאַקאָ, ניקאָלאַ סאַקאָ'ס פרוי.

צוויי היסטארישע רעדעס

(רעדעס וואָס סאַקאָ און וואַנזעטי האָבן געהאַלטן דעם 9טן אַפּריל, 1927, אין געריכט הויז פון דעדהאַם, מאַסס., איידער ריכטער טהייער האָט אַרויסגעגעבן דעם טויט אורטייל.)

סאַקאָ'ס רעדע

דער קלוירק וואָרטינגטאָן פון געריכט: ניקאָלא סאַקאָ, האָסטו עפּעס צו זאָגן פאַרוואָס דער טויט אורטייל זאָל ניט אַרויס־געגעבן ווערן איבער דיר?

ניקאָלא סאַקאָ: יעס סער, איך בין ניט קיין אָראַטאָר און קען ניט די ענגלישע שפּראַך, און ווי איך ווייס און ווי מיין חבר האָט מיר געזאָגט, וועט ער זיך אָפּשטעלן לייננער אויף דעם פּראָצעס און איך דיינק אים צו געבן א געלעגנהייט.

איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט, קיינמאָל ניט געהערט און קיינמאָל אפילו אין דער געשיכטע ניט געלייענט וועגן עפּעס וואָס זאָל זיין אַזוי גרויזאַם ווי דער געריכט. נאָך זיבן יאָר מאַטערן אונז רעכענען זיי אונז נאָך פאַר שולדיק, און די איידעלע מענטשן זיצן דאָ היינט אויסגעזעצט אין א רייע מיט אונז אין געריכט.

איך ווייס, אז דער אורטייל וועט זיין א קלאַסן אורטייל און אַלעמאָל וועלן פאָרקומען צוזאַמענשטויסונגען צווישן דעם אונטערדריקטן קלאַס און דעם רייכן קלאַס. מיר פאַרברודערן די מאַסן מיט ביכער, מיט ליטעראַטור. איר פאַרפייניקט זיי, טיראַני־זירט זיי און דער'הרג'עט זיי. מיר פּרובירן אַלעמאָל צו בילדן די מענטשהייט, איר פּרובירט אויסצולייגן א וועג צווישן אונז און אַנ־דערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן פיינט איינעם דעם צווייטן. דאָס איז די אורזאַכע פאַרוואָס איך געפין זיך היינט דאָ אויף דער אַנקלאַגע באַנק — פאַר זיין פון דעם אונטערדריקטן קלאַס. פאַר־שטייט זיך, איר זייט די אונטערדריקער.

איר ווייסט דאָס ריכטער טהייער, איר ווייסט מיין גאַנצן לעבן. איר ווייסט פאַרוואָס איך געפין זיך דאָ, און איצט, נאָך זיבן יאָר ווי איר האָט אונז אַזוי געפייניקט, מיך און מיין אָרימע פרוי, פונדעסטוועגן שיקט איר אונז נאָך היינט אויפ'ן עלעקטרישן שטול.

איך וואָלט געוואָלט דערציילן די געשיכטע פון מיין גאַנצן לעבן, נאָר וואָס קומט אַרויס? איר ווייסט סיי ווי וועגן דעם

אַלץ, ווי כ׳האָב שוין פריער געזאָגט. און מיין פריינט — דאָס הייסט, מיין חבר — וועט אויך וועגן דעם ריידן, ווייל ער קען בעסער די ענגלישע שפּראַך, און איך וועל אים געבן א געלעגנהייט.

מיין חבר, דער גוטהאַרציקער מענטש, דער גוטהאַרציקער צו אַלעמענס קינדער, האָט איר אים פאַראורטיילט צוויי מאָל: אין דער ברידזשוואַטער קייס און אין דער דעדהאַם קייס פאַרבונדן מיט מיר. און איר ווייסט, אז ער איז אומשולדיק. איר האָט פאַרגעסן די אַלע מאָסן מענטשן, וואָס זיינען געווען מיט אונז פאַר די גאַנצע זיבן יאָר צייט און האָבן אונז געגעבן זייער סימפּאַטיע, ענערגיע און גוטהאַרציקייט. אייך קימערט ניט פאַר זיי.

צווישן יענע מענטשן און צווישן די חברים אַרבעטער, געפינט זיך א גרויסע צאָל פון די געבילדעסטע מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען מיט אונז פאַר די גאַנצע זיבן יאָר און געקעמפט געגן דעם צאָרנדיקן אורטייל. פונדעסטוועגן זעצט פאַר דאָס געריכט אונז צו פאַראורטיילן, און איך דיינקס — איך דאַנק אייך אַלע, אייך, חברים מיינע, וואָס איר זייט געווען מיט אונז פאַר די גאַנצע זיבן יאָר, מיט די סאַקאָ וואַנזעטי דעפענס קאָמיטע, און איך וועל געבן א געלעגנהייט מיין פריינט.

איין זאַך האָב איך נאָך פאַרגעסן וואָס מיינע חברים דערמאָנען מיך. ווי כ׳האָב שוין געזאָגט פריער, ריכטער טהייער ווייסט מיין גאַנצן לעבן, און ער ווייסט, אז איך בין קיינמאָל ניט שולדיק געווען. קיינמאָל — ניט נעכטן, ניט היינט, קיינמאָל ניט.

וואַנזעטי׳ס רעדע

קלוירק וואָרטינגטאָן: באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי, האָסטו עפּעס צו זאָגן פאַרוואָס דער טויט אורטייל זאָל ניט געגעבן ווערן איבער דיר?

וואַנזעטי: יאָ. וואָס איך זאָג איז, אז איך בין אומשולדיק ניט נאָר אין דעם ברייינטרי פאַרברעכן, נאָר אויך אינ׳ם פאַרברעכן פון ברידזשוואַטער. און ניט נאָר בין איך אומשולדיק אין אָט די צוויי פאַרברעכנס, נאָר אין מיין גאַנצן לעבן האָב איך קיינמאָל ניט גע׳גנב׳עט, קיינמאָל ניט גע׳הרג׳עט, קיינמאָל ניט פאַרגאָסן קיין בלוט. אָט דאָס־אָ וויל איך זאָגן, און דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצן. ניט נאָר בין איך אומשולדיק אין אָט די צוויי פאַרברעכנס, ניט נאָר האָב איך אין מיין גאַנצן לעבן קיינמאָל ניט גע׳גנב׳עט, קיינמאָל ניט גע׳הרג׳עט, קיינמאָל ניט פאַר־

גאַסן קיין בלוט, נאָר איך האָב געקעמפט מיין גאַנצן לעבן, זינט איך בין געקומען צו מיין שכל, אויסצוראָטן פאַרברעכנס פון דער וועלט.

יעדער איינציקער, וואָס קען אָט די צוויי הענט, ווייסט זייער גוט, אַז איך האָב ניט געדאַרפט גיין אין די גאַסן און הרג׳ענען מענטשן כדי צו־נעמען געלט. איך קען לעבן פון מיינע צוויי הענט, און לעבן שיין. און אַ חוץ דעם, איך קען לעבן און אפילו ניט אַרבעטן מיט מיינע הענט פאַר אַנדערע מענטשן. איך האָב גענוג מעגלעכקייטן צו לעבן אומאָפּהענגיק און צו פירן, וואָס די וועלט האַלט, אַ העכערן לעבן, און ניט דאַרפן פאַרדינען מיין ברויט אינ׳ם שווייס פון מיין פּנים.

וואָלט געקענט געווען אויסקומען אָן אַרבעט

מיין טאַטע אין איטאַליע איז אין אַ גוטער לאַגע. איך וואָלט געקאָנט געווען פאָרן צוריק קיין איטאַליע, און ער וואָלט מיך אַלעמאָל אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. און אפילו ווען איך קום אָן אַ סענט געלט אין קעשענע, וואָלט מיין טאַטע מיר געקענט געווען געבן אַ שטעלע ניט אויף צו אַרבעטן, נאָר אויף טאָן מסחר, אָדער פאַרוואַלטן דאָס לאַנד, וואָס ער באַזיצט. ער האָט מיר געשריבן אַזוי פיל בריוו אין אָט־דעם זין, און אַנדערע פאַרמעגלאַכע קרובים האָבן צו מיר געשריבן אין אָט־דעם זין פיל בריוו, וואָס איך קען אייך באַווייזן.

מילא, עס קען זיין, אַז ס׳איז באַרימעריי. מיין טאַטע און מיין פעטער קענען זיך באַרימען און זאָגן זאַכן, וואָס אַנדערע מענטשן מוזן ניט דווקא גלויבן. מענטשן קענען זאָגן, אַז זיי זיינען אָרים בעת זיי רעכענען מיר געבן אַ שטעלע צו יעדער צייט. ווען איך זאָל נאָר וועלן קומען און זיך איינאָרדנען מיט אַ פאַמיליע און אָנהויבן פירן אַ געזעצטן לעבן. מילא, נאָר עס זיינען פאַראַן מענטשן, אפשר טאַקע אין אָט־דעם געריכט־הויז, וועלכע קענען עדות זאָגן, אַז וואָס איך זאָג און וואָס מיין טאַטע און מיין פעטער האָבן געזאָגט צו מיר איז ניט קיין ליגן, אַז זיי האָבן טאַקע באמת די מיטלען צו יעדער צייט מיר געבן אַ שטעלע, וואָסערע איך וואָלט נאָר געוואָלט.

ס׳איז אַן אומרעכט צו עקספּלואַטירן

אָבער, איך וויל דאָ דערגרייכן אַ קליינינקן פּונקט אַביסל ווייטער, און דאָס איז: ניט נאָר האָב איך קיינמאָל ניט פּרו־

בירט צו גנב'ענען אין ברידזשוואטער, נאָר איך האָב קיינמאָל ניט גע'גנב'עט, גע'הרג'עט אָדער פאַרגאָסן בלוט אין מיין גאנצן לעבן. ניט נאָר האָב איך שטאַרק געקעמפט געגן פאַרברעכנט, נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דעם רום פון לעבן, פון דעם שטאָלץ צו פירן א רייכן לעבן, ווייל איך האַלט, אַז ס'איז אַן אומרעכט צו עקספּלואַטירן מענטשן.

איצטער מוז איך זאָגן, אַז אוודאי בין איך ניט שולדיק אין אַט די אַלע פאַרברעכנס, ניט נאָר האָב איך קיינמאָל ניט באַגאַנגען קיין אמת'ן פאַרברעכן אין מיין גאַנצן לעבן, נאָר איך האָב מיין גאנצן לעבן געקעמפט צו פאַרניכטן פאַרברעכנס, ניט נאָר געגן די פאַרברעכנס, וואָס דער אָפיציעלער געזעץ און די אָפיציעלע מאָראַל פאַרדאַמט, נאָר אויך אַזעלכע פאַרברעכנס, וואָס די אָפיציעלע מאָראַל און דער אָפיציעלער געזעץ סאַנקציאָנירט — די עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פון איין מענטשן דורך דעם צווייטן. אויב ס'איז דאָ אַן אורזאַך פאַרוואָס איך בין דאָ אַלס שולדיקער, אויב ס'איז דאָ אַן אורזאַך, פאַרוואָס איר קענט מיך פאַר'משפּט'ן צום טויט אין עטלאַכע מינוט, איז דאָס אַט די אורזאַך און ניט קיין אַנדערע.

אַנטשולדיגט, (ער פאָרעט זיך מיט פּאַפּירן).

דריקט אויס אַנערקענונג צו דעבס'ן

ס'איז דאָ נאָך איין בעסערער מענטש, וועלכן איך האָב ווען ס'איז ניט געזען אין מיין לעבן, א מענטש, וואָס וועט בלייבן און וואַקסן שטענדיק גרעסער, נענטער און טייערער צו די מענטשן, וואָס וועט ווערן איינגעבאַקן אין די הערצער פון די מענטשן, אַזוי לאַנג ווי באַוואונדערונג פאַר גוטסקייט אָדער פאַר זעלבסט־אויפּאָפּפערונג וועט עקזיסטירן. איך מיין יודזשין דעבס.

איך וויל זאָגן, אַז אפילו א הונט, וואָס האָט גע'הרג'עט הינער, וואָלט ניט געפונען אַן אמעריקאַנער דזשורי, וואָס זאָל אים פאַר'משפּט'ן מיט די באַווייזן, וואָס דאָס געריכט האָט ארויסגעשטעלט געגן אונז. אַט דער מענטש איז ניט געווען מיט מיר אין פּלימוט, אָדער מיט סאַקאָ'ן, דאָרט ווי ער איז געווען אין דעם טאָג פון דעם פאַרברעכן. איר קענט זאָגן, אַז דאָס איז גלאַט אַזוי געזאָגט, וואָס מיר זאָגן, אַז ער איז א גוטער מענטש און ער האָט זיין גוטסקייט אריבערגעטראָגן אויף אַנדערע מענטשן, איז דערפאַר, ווייל ער איז אַליין אומפּייאַיק צו באַגיין א פאַרברעכן, האָט ער געגלויבט יעדן איינציקן, אַז יענער איז אויך ניט

פייאיק צו באַגיין א פאַרברעכן.

עס מעג טאַקע זיין אזוי, נאָר דאָס איז ניט אזוי. עס וואָלט געקענט זיין אזוי, נאָר ס׳איז ניט אזוי. און אָט דער מענטש האָט געהאַט אַן אמת׳ע דערפאַרונג מיט געריכטן, טורמעס און דזשורים. גראָד דערפאַר, ווייל ער איז ארומגעגאַנגען אין דער וועלט אביסל א בעסערער, האָט מען אים פאַרפאָלגט און געפּייניקט פון זיין פריעסטער יוגנט אָן, און ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך זיין אין טורמע.

טויזנטער גלויבן אין זייער אומשולדיקייט

ער האָט געוואוסט, און ניט נאָר ער אליין, נאָר יעדער מענטש מיט פאַרשטאַנד, ניט נאָר ביי אונז אין לאַנד, נאָר אויך אין אנדערע לענדער, ווייסט, אַז מיר האָבן אין א געוויסן זין פאָרגעשטעלט דעם רעקאָרד פון דער צייט. אלע זיינען זיי מיט אונז, די סמעטענע פון דער מענטשהייט אין אייראָפּע. די בעסערע שריפטשטעלער, די גרעסטע דיינקערס פון אייראָפּע, האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר אונז.

די גרויסע וויסנשאַפטסלייט, די גרעסטע שטאַטסלייט פון אייראָפּע האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר אונז, מענשן פון פרעמדע פעלקער האָבן געבעטן פאַר אונז. איז דאָס מעגלאַך, אז נאָר עטלאַכע מענטשן, וואָס וואָלטן פאַר׳משפּט זייער אייגענע מאַמע צוליב וועלטלאַכען כבוד און רייכטום, איז דאָס מעגלאַך, אז זיי זיינען גערעכט געגן דעם, וואָס די וועלט, די גאַנצע וועלט, זאָגט, אַז ס׳איז ניט רעכט, און וואָס איך ווייס, אז ס׳איז ניט רעכט.

אויב ס׳איז דאָ איינער, וואָס דאַרף וויסן, צי ס׳איז רעכט צי אומרעכט, איז עס אָט דער מענטש (ווייזט אויף זיך). איר זעט, שוין 7 יאָר, אַז מיר זיצן אין תּפיסה. וואָס מיר האָבן איבערגעליטן אין משך פון די 7 יאָר קען קיין מענטשלאַך מויל ניט ארויסזאָגן, און פונדעסטוועגן זעט איר מיך דאָ פאַר אייך ניט ציטערן. איר זעט מיך אייך קוקן גלייך אין די אויגן. איך ווער ניט רויט, דער קאָליר אין פּנים ענדערט זיך ניט, איך שעם זיך ניט און שרעק זיך ניט פאַר אייך.

יודזשין דעבס האָט געזאָגט, אַז אפילו א הונט, — אָדער עפּעס ענלאַכעס צו דעם — וואָס האָט גע׳הרג׳עט הינער, וואָלט אַן אמעריקאַנער דזשורי ניט געפונען שולדיק מיט די באַווייזן, וואָס דאָס געריכט האָט געבראַכט געגן אונז. און איך זאָג, אז

אפילו א קרעציקן הונט וואָלט מען ניט אַפּגעזאָגט זיין אפיל צוויי מאָל אין דעם העכסטן געריכט פון מאסאטשוזעטס, אפילו א קרעציקן הונט.

זיי האָבן געגעבן מאדעיראסן — א טרייעל פּשוט דערפאר, ווייל דער ריכטער האָט אָדער פארגעסן, אָדער פארבייגעלאָזט צו דערציילן די געשוואָרענע ריכטער, אז זיי זאָלן דעם מענטשן האלטן פאר אומשולדיק, ביז זיי וועלן אים געפינען פאר שולדיק אין געריכט אָדער עטוואָס ענלאכעס. אָט דער מענטש האָט זיך מודה געווען. דעם מענטשן האָט מען גע'משפּט, און ער האָט זיך מודה געווען, און דאָס געריכט האָט אים געגעבן א צווייטן משפּט. מיר האָבן באוויזן, אז אויף דער גאנצער וועלט קען ניט זיין אזא מין ריכטער, וואָס זאָל זיין מער באאיינפלוסט און גרויזאמער, ווי איר זיינט געווען געגן אונז.

דער ריכטער האָט באאיינפלוסט די געשוואָרענע ריכטער

מיר האָבן דאָס באוויזן. און פונדעסטוועגן זאָגט מען אונז אָפּ צו געבן א נייעם משפּט. מיר ווייסן, אז איר זיינט געווען געגן אונז פון דעם סאמע אָנהויב אָן, איידער נאָך איר האָט אונז געזען, האָט איר שוין געוואוסט, אז מיר זיינען ראדיקאלן, אז מיר זיינען מיאוסע הינט, אז מיר זיינען שונאים פון די אינסטי־טוציעס, אין וועלכע איר גלויבט, אז זיי זיינען גוט — איך וויל דאָס ניט פארדאמען — און אז ס'איז זייער לייכט געווען אין דער צייט פון דעם ערשטן פּראָצעס ארויסקריגן דעם אורטייל אויף שולדיק.

מיר ווייסן, אז איר האָט גערעדט מכח אייער פיינדשאפט צו אונז מיט פריינט, בעת איר זיינט געפאָרן אויפ'ן באַן, אין דעם אוניווערסיטעט־קלוב פון באָסטאָן, אין דעם גאָלף־קלוב אין וואוסטער. איך בין זיכער, אז אויב די מענטשן, וואָס ווייסן אלצדינג, וואָס איר האָט געזאָגט געגן אונז, זאָלן האָבן דעם ביירגערלאכן קוראזש עדות צו זאָגן, קען זיין, יור האָנאָר, — עס טוט מיר לייד אייך צו זאָגן, דערפאר ווייל איר זיינט אן אלטער מאן, און איך האָב אן אלטן טאטן, — אז איר וואָלט דאָ, געזעסן לעבן אונז איצטער, און מען וואָלט גאָר גע'משפּט אייך.

ווען איר האָט אונז פאראורטיילט ביי דעם פּלימוט־פּראָצעס, האָט איר געזאָגט, אויף ווי ווייט איך געדיינק און אויף ווי ווייט איך גלויב, אז פארברעכנס שטימען מיט מיינע פּרינציפּן, אָדער

עטוואָס ענלאכעס פון דעם מין, און איר נעמט אראָפּ איין באַ־שולדיגונג, — אויב איך געדיינק ריכטיק — פון דער דזשורי. די געשוואָרענע ריכטער זיינען אָבער געווען אזוי שרעקלאך אויפ־געבראכט געגען מיר, אז זיי האָבן מיר געפונען שולדיק איןביידע פאַרברעכנס, ווייל מער ווי צוויי זיינען שוין ניט געווען. זיי וואָלטן מיך געווען געפונען שולדיק אין א גאנצן טוץ באַ־שולדיקונגען, ניט קוקנדיק אויף אייערע אינסטרוקציעס, יור האָנאָר. פארשטייט זיך, איך געדיינק, אז איר האָט זיי געזאָגט, אז עס איז ניטאָ קיין שום אורזאך צו גלויבן, אז אויב איך בין דער באנדיט, האָב איך אויך בדעה געהאט אימיצן צו



גאָווערנאָר פולער שנײַדט איבער דעם לעצטן פאָדים

הרג'ענען, און זיי זאָלן דערפאר אראָפּנעמען די באַשולדיגונג פון פאַרזוך צו הרג'ענען. נו, זיי האָבן מיך געפונען שולדיק, אָבער שולדיק אין וואָס? און אויב איך האָב רעכט, דארפט איר דאָס ארויסנעמען און מיך פאַראורטיילן נאָר פאַר'ן פאַרזוך צו ראַבעווען מיט געווער אין די הענט אָדער עטוואָס ענלאכעס. אָבער, ריכטער טהייער, איר גיט מיר מערער פאַר'ן פאַרזוך צו ראַבעווען, ווי איר האָט געגעבן אלע 448 מענטשן, וואָס זיינען געווען אין טשארלסטאָן.

אָט די אלע, וואָס האָבן געמאכט א פאַרזוך אימיצן צו

באַראַבעווען, אַט די אַלע, וואָס האָבן געראַבעוועט, האָבן ניט באַקומען אַזאַ אורטייל, ווי איר האָט מיר געגעבן פאַר אַ פאַרזוך צו ראַבעווען. איך וויל, אַז יעדער איינציקער, וואָס גלויבט מיר, און זיי קענען צוזאַמענשטעלן אַ קאָמיסיע, זאָלן זיי גיין אַהין, און איך בין זייער וויליג, אַז די מענטשן זאָלן גיין, און זען, צי איך זאָג דעם אמת צו ניט.

עס זיינען פאַראַן מענטשן אין טשאַרלסטאָן, וואָס זיינען פּראָפעסיאָנעלע רויבער, וואָס זיינען שוין געווען אין אַ העלפט פון די טורמעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר גנב'ענען, שעדיקן אָדער שיסן עמיצן, און די געשאָסענע ווערט דורך אַ געלעגנהייט בעסער און שטאַרבן ניט. די מערסטע פון זיי זיינען שולדיק אָן אַ פּראָצעס, דורך דעם, וואָס זיי זיינען זיך אַליין מודה און דורך דעם, וואָס זיי בעטן הילף ביי זייערע אייגענע שותפים, און זיי האָבן געקראָגן פון אַכט ביז צען יאָר, פון אַכט ביז צוועלף יאָר, פון צען ביז פופצען, קיינער פון זיי האָט ניט באַקומען פון צוועלף ביז פופצן יאָר, ווי איר האָט געגעבן אַ מענטשן פאַר אַ פאַרזוך צו ראַבעווען.

אַ ריינער לעבן

און חוץ דעם, איר ווייסט, אַז איך בין געווען אומשולדיק, איר ווייסט, אַז מיין לעבן, מיין פּריוואַטער און געזעלשאַפטלאַכער לעבן אין פּלימוט, און וואו נאָר איך בין געווען, איז געווען אַ מוסטער־לעבן, און אונזער פּראָקוראָר, קאַצמאַן, האָט זיך זייער געשראָקן ברייננגען אונזער לעבן און אונזער אויפירונג אַלס אַ באַווייז אין אונזער פּראָצעס. מיט אַלע זיינע כחות האָט ער דאָס אויסגעשטראָכן, און אים האָט זיך דאָס איינגעגעבן.

איר ווייסט, אַז ווען מיר וואָלטן געקאָנט געווען באַקומען מר. טאָמפּסאָן, אָדער אפילו די ברידער מעק־אַנאַרני, ביי אונזער ערשטן פּראָצעס אין פּלימוט, ווייסט איר, אַז קיין שום געריכט אויף דער וועלט וואָלט אונז ניט געווען געפונען שולדיק. מיין ערשטער אַדוואָקאַט איז געווען אַ שותף פון מר. קאַצמאַן, ווי ער איז דאָס נאָך ביז היינט. דער ערשטער אַדוואָקאַט פון דער פאַרטיידיקונג, מר. וואַהעי, האָט ניט פאַרטיידיקט, נאָר ער האָט מיך פאַרקויפט פאַר דרייסיק שטיק גאָלד, ווי יודאָס האָט פאַר־קויפט יעזוס קריסטוס'ן. אויב דער מענטש האָט ניט געזאָגט צו אייך, אָדער ניט געזאָגט צו מר. קאַצמאַן, אַז ער ווייסט, אַז איך בין שולדיק, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל ער ווייסט, אַז איך בין אומשולדיק.

דער מענטש האָט געטאָן אַלצדינג אומדירעקט, כדי מיר צו שעדיקן. ער האָט געהאַלטן לאַנגע רעדעס צו די געשוואָרענע ריכטער וועגן זאַכן, וואָס האָבן אַ גאַנץ קליינע באַדייטונג און וועגן די וויכטיקערע זאַכן האָט ער גערעדט נאָר עטלאַכע ווערטער, אָדער ער איז גאָר זיי איגנאָרירן פאַרבייגעגאַנגען און זיי אַפילו ניט דערמאָנט. דאָס איז געווען אַ פריער־באַטראַכטע זאַך, כדי צו מאַכן פאַר די געשוואָרענע ריכטער דעם איינדרוק, אַז מיין איינענער פאַרטיידיקער קאָן אויך קיין גוט וואָרט פאַר מיר ניט זאָגן אויף מיך צו פאַרטיידיקן. און דערפאַר גייט ער אַזוי אַרום־און־אַרום און רעדט וועגן נישטיקע זאַכן, און די וויכטיקע פונקטן פאַרשוויגט ער. און אויב ער רעדט שוין, רעדט ער זייער שוואַך.

די מלחמה־היסטעריע

מ׳האָט אונז גע׳משפּט אין אַ צייט, וואָס איז שוין איצט אַריין אין דער געשיכטע. מיט די ווערטער מיין איך אַ צייט, ווען ס׳האָט געהערשט אַ היסטעריע און אַן אומצופרידנקייט און אַ שנאה געגן מענטשן מיט אונזערע פּרינציפּן, געגן סלעקערס, און מיר דוכט זיך, ניין, איך בין טאַקע זיכער אין דעם, אַז אירביידע, איר און מר. קאַצמאַן, האָט געטאָן אַלץ, וואָס איר האָט געהאַט בכוח צו טאָן, כדי נאָך מערער אויפצופלאַקערן אָט די ליידנשאַפט אין די געשוואָרענע ריכטער.

אַן אונטערגעשטעלטער עדות

איך געדיינק, אַז מר. קאַצמאַן האָט געבראַכט אַן עדות געגן אונז, אַ געוויסן ריצצי. נו, כ׳האָב געהערט אָט דעם עדות. ס׳האָט געשיינט, אַז ער האָט גאָר ניט וואָס צו זאָגן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז ס׳איז געווען אַ נאַרישקייט צו רופן אַן עדות, וואָס האָט גאָרניט וואָס צו זאָגן. און דאַכט זיך, אַז ער איז גערופן געוואָרן צו דערציילן די געשוואָרענע ריכטער, אַז ער איז געווען דער פאָר־מאַן פון יענעם אַרבעטער, וואָס איז געווען ביים פּלאַץ פון פאַר־ברעכן, און וואָס האָט גע׳טענה׳ט, — און דאָס איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אונזער טובה־וועגן, — אַז מיר זיינען ניט געווען די מענטשן, און אַז אָט דער מענטש, דער עדות ריצצי, איז גע־ווען זיין פאָרמאַן, און אַז ער האָט בעסער געהאַלטן דעם מאַן ביי דער אַרבעט, איידער אים לאָזן גיין זען, וואָס עס טוט זיך

דאָרטן, כדי צו געבן דעם איינדרוק, אז ס׳איז ניט אמת, אז דער מענטש האָט זיך געלאָזט גיין צום גאַס אַ קוק טאָן, וואָס עס קומט דאָרט פאָר.

אָבער דאָס איז ניט געווען זייער וויכטיק. וויכטיק איז געווען, אז יענער מענטש זאָגט, אז ס׳איז ניט געווען אמת, דאָס וואָס אַ געוויסער עדות, וואָס פלעגט ברענגען וואַסער צו די אַרבעטער, און ער דערציילט, אז ער פלעגט נעמען אַן עמער און גיין צו אַ געוויסן וואַסער-קוואַל פון דאָרטן שעפּן וואַסער פאַר די אַרבעטער, אז ס׳איז ניט אמת, אז ער איז געגאַנגען צו יענעם קוואַל, און עס איז אויך ניט אמת, אז ער האָט געזען דעם באַנדיט, און עס איז אויך ניט אמת, אז ער קאָן זאָגן, צי איך, אָדער סאַקאָ, זיינען געווען די מענטשן, נאָר מ׳האָט אומיסטן אריינ-געבראַכט דעם עדות, כדי צו ווייזן, אז ס׳איז ניט אמת, אז יענער מענטש איז געגאַנגען צו יענעם קוואַל, ווייל זיי ווייסן, אז די דייטשן האָבן פאַר׳סמ׳ט דאָס וואַסער אין קוואַל. דאָס האָט ער געזאָגט אויף יענעם עדות-שטול אָט-דאָרטן-אָ.

גלויבט, אז מלחמה איז געווען אַן אומרעכט

אין די וועלט כראָניקעס פון דער צייט איז ניטאָ קיין איין געשעעניש פון אזא כאַראַקטער. קיינער אין אַמעריקע — מיר האָבן געלייענט וועגן געוואַלד שלעכטע זאַכן, וואָס די דייטשן האָבן געטאָן אין אייראָפּע בשעת מלחמה — אָבער קיינער קען ניט באַווייזן און קיינער וועט ניט זאָגן, אז די דייטשן זיינען געווען געוואַלד שלעכט, אז זיי זאָלן פאַר׳סמ׳ען דאָס קוואַל-וואַסער ביי אונז אין לאַנד אין דער מלחמה-צייט.

נאָר, מיר דאַכט זיך, אז דאָס האָט צו אונז גאָר קיין די-רעקטע שייכות ניט. דאָס, דאַכט מיר, איז געווען אַ צופעליקע זאַך אויפ׳ן פּראָצעס צווישן אַנדערע צופעליקע זאַכן. נאָר די דזשורי האָט אונז געהאַסט, ווייל מיר זיינען געווען געגן מלחמה, און די דזשורי ווייסט ניט, אז ס׳איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן אַ מענטשן, וואָס טרעט אַרויס געגן קריג ווייל ער גלויבט, אז מלחמה איז אַן אומרעכט, ווייל ער איז אַ קאָסמאָפּאָליט, און צווישן אַ מענטשן, וועלכער טרעט אַרויס געגן מלחמה, ווייל ער האַלט מיט׳ן צווייטן לאַנד, וואָס פירט מלחמה געגן דעם לאַנד אין וועלכן ער געפינט זיך, און איז דערפאַר אַ שפּיאָן און ער באַגייט אַלערליי פאַרברעכנס אין דעם לאַנד, וואו ער געפינט זיך, צוליב דעם צווייטן לאַנד, כדי צו דינען יענעם לאַנד.

מיר זיינען ניט אַזעלכע מענטשן. קיינער קען ניט זאָגן, אַז מיר זיינען דייטשע שפּיאָנען אָדער וואָסערע ניט איז אַנדערע שפּיאָנען. קאַצמאַן ווייסט דאָס זייער גוט. קאַצמאַן ווייסט, אַז מיר זיינען ארויסגעטראָטן געגן מלחמה, ווייל מיר האָבן ניט גע־גלויבט אינ׳ם ציל, פאַר וועלכן זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי פירן די מלחמה.

מיר גלויבן, אַז די מלחמה איז געווען אַן אומרעכט, און איצטער, צען יאָר נאָך דער מלחמה, גלויבן מיר, פאַרשטייען אַלע, יעדן טאָג נאָך טאָג מער און בעסער די קאָנסעקווענצן און רע־זולטאַטן פון דער נאָך מלחמה צייט. איצטער גלויבן מיר נאָך מער, אַז די מלחמה איז געווען אַן אומרעכט, און איצטער זיינען מיר ווי פריער נאָך מער געגן מלחמה, און איך וואָלט געווען צו־פרידן צו גיין אַ פאַר׳משפט׳ער אויפ׳ן עשאַפאָט כדי צו קענען זאָגן דער מענטשהייט: באַטראַכט זיך! איר זיינט אין אַ קאַטאַקאָמב פון דעם צוויט פון דער מענטשהייט. פאַרוואָס? אַלץ וואָס זיי האָבן אייך דערציילט, אַלץ וואָס זיי האָבן אייך צוגעזאָגט, איז אַ ליגן, איז אַן אילוזיע, איז אַ גנאַרעריי, אַ שווינדל, דאָס איז געווען אַ פאַרברעך.

זיי האָבן אייך צוגעזאָגט פרייהייט. וואו איז די פרייהייט? זיי האָבן אייך צוגעזאָגט פּראָספּעריטי, וואו איז די פּראָספּעריטי? זיי האָבן צוגעזאָגט אַ דערהויבונג, וואו איז די דערהויבונג?

פונ׳ם טאָג, וואָס איך בין געפאָרן קיין טשאַרלסטאַן, דעם אומגליק־פּלאַץ, האָט זיך די באַפעלקערונג פון שטאָט פאַרדאָפּלט. וואו איז דאָס מאָראַלישע גוטס, וואָס די מלחמה האָט געגעבן צו דער וועלט? וואו איז דער גייסטיקער פּראָגרעס, וואָס מיר האָבן דערגרייכט דורך דער מלחמה? וואו איז די זיכערקייט פאַר׳ן לעבן, די זיכערקייט פאַר אַלע נויטיקע זאַכן, וואָס מיר דאַרפן האָבן צום לעבן?

וואו איז די אַכטונג פאַר׳ן מענטשלאַכן לעבן? וואו איז די אַכטונג און באַוואונדערונג פאַר די גוטע מעלות, וואָס אַ מענטש באַזיצט? פאַר דער מלחמה זיינען קיינמאָל ניט געווען אַזוי פיל פאַרברעכנס, אַזוי פיל קאָרופּציע, אַזוי פיל דעגענעראַציע, ווי איצטער.

פאַלשע באַווייזן

אויף ווי ווייט איך געדיינק האָט קאַצמאַן ביי מיין פּראָצעס דערציילט דער דזשורי, אַז אַ געוויסער קאָאַצי האָט אוועקגעפירט

קיין איטאַליע דאָס געלט, וואָס, לויט דער שטאַט־טעאָריע, איך מיט סאַקאָ׳ן האָבן גע׳גנב׳עט אין ברייִנטרי. מיר האָבן קיינמאָל ניט גע׳גנב׳עט דאָס געלט. נאָר קאַצמאַן, בעת ער האָט דאָס דערציילט צו דער דזשורי, האָט שוין דוקא געוואוסט דעם אמת. ער האָט שוין געוואוסט, אַז נאָך אונזער אַרעסט האָט מען יענעם מענטשן אַרויסגעשיקט קיין איטאַליע מיט פעדעראַלע פּאָליציסטן. איך געדיינק זייער גוט, אַז די פעדעראַלע פּאָליציסטן, ווען זיי האָבן אים געפּאַקט, האָבן זיי ביי אים צוגענומען די קאַסטנס זיינע פון זיין קוואַרטיר, וואו זיי האָבן אים גענומען, און די קאַסטנס האָבן זיי געבראַכט אַהערצו, און דאָ האָבן זיי איבערגעאַקערט יעדן קאַסטן און האָבן ניט געפונען קיין זכר פון געלט.

זאָג איך אייך, אַז ס׳איז פּראָסט אַ רציחה צו זאָגן, אַז אַ פריינט אָדער אַ חבר, אָדער אַ קרוב פון׳ם באַשולדיקטן האָט אַוועקגעפירט געלט קיין איטאַליע, בעת ער ווייסט, אַז ס׳איז ניט אמת. איך קען דאָס מיט קיין אַנדער נאָמען ניט רופן, חוץ רציחה, מאָרד.

נאָר קאַצמאַן האָט געזאָגט נאָך עפּעס, און אויך געגן אונז, וואָס ס׳איז ניט אמת. אויב איך פאַרשטיי דאָס ריכטיק, האָבן די לאָיערס צווישן זיך אָפּגעמאַכט אינ׳ם משך פון׳ם פּראָצעס, אַז דער לאָיער פון דער פאַרטיידיקונג זאָל ניט צושטעלן קיין באַווייזן פון מיין גוטן אויפפיר אין פּלימוט און דער לאָיער פון דער אָנקלאַגע זאָל ניט לאָזן וויסן דער דזשורי, אַז איך בין שוין פריער איינמאָל גע׳משפּט געוואָרן אין פּלימוט און גע־פונען געוואָרן שולדיק.

נו, איך רוף דאָס אָן אַן איינזייטיקער אָפּמאַך. פּאַקטיש, האָבן שוין אַפילו די טעלעפאָן־סלופּעס געוואוסט אין דער צייט פון דעם פּראָצעס אין דעדהאַם, אַז איך בין פאַר׳משפּט געוואָרן אין פּלימוט; די דזשורי־לייט האָבן דאָס געוואוסט אַפילו פון שלאָף.

פון דער אַנדער זייט, האָט די דזשורי קיינמאָל ניט געזען מיך אָדער סאַקאָ׳ן און זי האָט קיינמאָל ניט אויסגעהערט קיין עדות, וואָס זאָלן האָבן געווען אינטים באַקאַנט מיט אונז און זאָלן קענען איבערגעבן דער דזשורי וועגן אונזער אויפפיר. דאָס איינציקע וואָס די דזשורי האָט יאָ געוואוסט וועגן אונז זיינען געווען די שלעכטע זאַכן, וואָס די צייטונגען האָבן וועגן אונז געשריבן ווען מיר זיינען אַרעסטירט געוואָרן און דערנאָך אין דער צייט פון דעם פּראָצעס אין פּלימוט.

איך ווייס ניט פאַרוואָס דער לאָיער פון דער פאַרטיידיקונג האָט געשלאָסן אַזאַ אָפּמאַך. אָבער איך ווייס זייער גוט פאַר־וואָס קאַצמאַן האָט געמאַכט יענעם אָפּמאַך, ווייל ער האָט גע־וואוסט, אַז אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג אין פּלימוט וואָלט מיט פאַרגעניגן געקומען אין געריכט און דערציילט, אַז אין משך פון די זיבן יאָר, וואָס איך האָב צווישן זיי געלעבט, האָט מען מיך קיינמאָל ניט געזען שיכור, און אַז איך בין געווען באַקאַנט אַלס דער פלייסיקסטער אַרבעטער אין דער געמיינדע. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז איך אַרבעט ווי אַן אייזל, און קענענדיק מיך, אַז איך בין ניט פאַרהייראַט, האָט מען זיך געוואונדערט און געזאָגט: „צו וואָס אַרבעטסטו ווי אַ משוגע׳נער, ווען דו האָסט ניט קיין ווייב און קיין קינדער?“

האָבנדיק אַזאַ טייערן אָפּמאַך האָט דאָך קאַצמאַן געדאַרפט זיין צופרידן. אָבער ער איז ניט געווען צופרידן. ער האָט גע־בראָכן זיין וואָרט און ער האָט דערקלערט פאַר דער דזשורי, אַז איך בין פריער פאַר׳משפּט געוואָרן אין דעמזעלביקן קאָורט. איך ווייס ניט, צי דאָס איז געבליבן אויפ׳ן רעקאָרד, אָדער ס׳איז אויסגעשטראָכן געוואָרן. אָבער איך האָב דאָס געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן. ווען צוויי אָדער דריי פרויען זיינען געקומען עדות זאָגן פאַר מיר, האָט קאַצמאַן זיי געפרעגט, אויב זיי האָבן שוין אַמאָל ניט עדות געזאָגט פאַר וואַנזעטי׳ן. זיי האָבן געענט־פערט אַז יאָ, און ער האָט זיי געזאָגט, „איר קענט ניט עדות זאָגן.“ זיי האָבן פאַרלאָזן דעם צימער. דערנאָך האָבן זיי יאָ עדות געזאָגט. אָבער דערווייל האָט ער דערציילט דער דזשורי, אַז איך בין שוין פריער גע׳משפּט געוואָרן. דאָס האָט ער גע־טאָן ניט אין די אינטערעסן פון גערעכטיקייט, נאָר ס׳איז אַ בלבול דורך וועלכן ער האָט רואינירט מיין לעבן און מיך פאַר׳־צום אונטערגאַנג.

אַ „קריסטמעס־מתנה“

מ׳האָט געזאָגט, אַז די פאַרטיידיקונג האָט זיך באַנוצט מיט אַלע געלעגנהייטן צו פאַרציען דעם משפּט. דאָס איז ניט אמת. די אָנקלאָגע האָט פאַרנומען אַ גאַנץ יאָר צוגרייטנדיק דעם משפּט. דערנאָך האָט די פאַרטיידיקונג אַפּעלירט און איר האָט געוואַרט מיט אייער אַנטשיידונג, כאָטש אינדער׳אמת׳ן זיינט איר געווען אַנטשלאָסן צוריקצואווייזן יעדן אַפּיל, וואָס די פאַרטיידי־קונג וועט צו אייך מאַכן. איר האָט געוואַרט מיט אייער אַנט־שיידונג ביז קריסטמעס אָוונט — גראַדע קריסטמעס אָוונט.

מיר גלויבן ניט אין דער באַבע-מעשה פון קריסטמעס, ניט אין דעם היסטאָרישן זין, ניט אין דעם רעליגיעזן זין. אָבער כאָטש מיר גלויבן ניט, איז אונז דאָך קריסט-מעס טייער אַלס אַ יום-טוב, און איך גלויב, אַז איר האָט ארויסגע-געבן אייער אַנטשיידונג אויף קריסטמעס, כדי צו פאַר׳סמ׳ען די הערצער פון אונזערע נאָענטע און באַליבטע.

ס׳פאַרדריסט מיר זייער, וואָס איך בין געצוואונגען דאָס צו זאָגן, אָבער אַלץ וואָס איז געזאָגט גע-וואָרן אויף אייער זייט האָט באַ-שטעטיקט מיין חשד ביז דאָס איז געוואָרן אַ זיכערקייט. אַזוי זעט איר, אַז ס׳האָט גענומען אַ יאָר צייט ביז מיר זיינען געשטעלט גע-וואָרן צום משפט. און ס׳האָט אייך גענומען אַזוי פיל צייט צו ענטפערן אויף אונזער אַפּיל, ווי ס׳האָט גע-נומען דער פאַרטיידיקונג צוצו-גרייטן דעם אַפּיל. דערנאָך איז גע-קומען דער צווייטער אַפּיל. איך געדיינק ניט, צי ס׳איז געווען דער צווייטער אַפּיל, אָדער דער דריי-טער, וועלכן איר האָט אָפּגעהאַלטן עלף חדשים אָן אַן ענטפער. און איך בין זיכער, אַז איר האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צוריקצואווייזן דעם אַפּיל פאַר אַ נייעם משפט נאָך איידער מיר האָבן דערלאַנגט אונ-זער אַפּיל.

איר האָט פאַרנומען אַ יאָר מיט אייער ענטפער אויף אונזער אַפּיל און אַ יאָר האָט די אַנקלאַגע פאַר-נומען צוגרייטנדיק זיך צום משפט.

דער טויטן אָרון

דאַן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט איז דער פּראָצעס פאַרצויגן געוואָרן צוליב דער קראַנקהייט פון מר. וויליאַמס. ווידער די שולד פאַר דער אָנקלאַגע. איך בין זיכער, אַז ווען מ׳וואָלט גענומען אַ בליישטיפט און צוזאַמענגערעכנט די צייט, וואָס די אָנקלאַגע האָט פאַרנומען, וואָלט באַוויזן געוואָרן, אַז זי האָט פאַרנומען מער צייט ווי די פאַרטיידיקונג.

דער ערשטער לאָיער האָט זיי פאַראַטן

און נאָך אַ זאַך מוז גענומען ווערן אין אַנבאַטראַכט, און דאָס איז דאָס וואָס אונזער ערשטער לאָיער האָט אונז פאַרראַטן. די גאַנצע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג איז דאַן געשטימט געוואָרן געגן אונז. מיר האָבן געהאַט דאָס אומגליק צו נעמען אַ לאָיער פון קאַליפאָרניע צו פאַרטיידיקן אונז. ער איז גלייך, ווי אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם פון אייך און פון יעדער אָפיציעלער פּערזאָן, אפילו פון דער דזשורי. דאָס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז יעדער טייל פון מאַסאַטשוזעטס איז פול געוואָרן מיט פאָראורטייל געגן אים און אויך געגן אונז. דאָס איז, גלויב איך, דערפאַר וואָס די באַפעלקערונג פון מאַסאַטשוזעטס גלויבט, אַז זיי זיינען די בעסטע מענטשן פון דער וועלט און אַז קיינע אַנדערע זיינען ניט אַזוי גוט ווי זיי. אַזוי גלויבן אויך אַנדערע מענטשן אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט, אַז זיי זיינען די בעסטע.

וואָס איך וויל זאָגן איז דאָס: אַלע ווייסן, אַז אונזער ערשטע פאַרטיידיקונג איז געווען שרעקלאַך. ער האָט גאָרניט געטאָן פאַר אונזער פאַרטיידיקונג. ער האָט ניט צוזאַמענגענומען קיין עדות און קיין באַווייזן פאַר אונזער פאַרטיידיקונג. די רעקאָרדס פון דעם ערשטן פּראָצעס אין פּלימוט זיינען אין אַ טרויעריקן צושטאַנד. אַרום אַ העלפט פון זיי זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. דערנאָך האָט אונזער נייע פאַרטיידיקונג געהאַט פאַר זיך אַן אומגעהייערע אויפגאַבע אָנצוהויבן פון אָנהויב, צו זאַמלען פאַקטן און עדות און צו שטודירן אַלץ וואָס די סטייט האָט ביז איצט געטאָן. און דעריבער, ווען ס׳וואָלט די פאַרטיידיקונג אפילו פאַרנומען צוויי מאָל אַזוי פיל צייט וויפיל ס׳האָט גענומען דער אָנקלאַגע, וואָלט עס געווען באַרעכטיקט. בפרט, אַז ס׳האָט איר גענומען ווייניקער צייט.

קיינמאָל קיין פאַרברעכן ניט באַגאַנגען

נו, איך האָב שוין געזאָגט, אַז ניט נאָר בין איך ניט שולדיק אין די צוויי פאַרברעכנס, נאָר איך בין קיינמאָל ניט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן אין מיין לעבן — איך האָב קיינמאָל ניט גע׳גנב׳עט, קיינמאָל ניט געמאָרדעט, קיינמאָל קיין בלוט ניט פאַרגאָסן. איך האָב אַלעמאָל געקעמפט געגן פאַרברעכן און איך האָב זיך אַלעמאָל מקריב געווען פאַר דעם קאַמף אפילו געגן פאַרברעכנס, וועלכע דאָס געזעץ און די קירך דערלויבן און דערקלערן אַלס גע־זעצלאַך.

איך וואָלט ניט געוואונשן קיין הונט, אָדער קיין שלאַנג, אפילו ניט דער נידעריקסטער און ערגסטער באַשעפעניש אויף דער ערד, אַז עס זאָל דורכמאַכן די לײַדן, וואָס איך האָב דורכ־געמאַכט פאַר די פאַרברעכנס, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט באַ־גאַנגען. איך לייד דערפאַר, וואָס איך בין אַ ראַדיקאַל, און איך בין ווירקלאַך אַ ראַדיקאַל. איך האָב געליטן ווייל איך בין אַן איטאַליענער, און איך בין ווירקלאַך אַן איטאַליענער. איך לייד מער צוליב מיין פאַמיליע און מיינע נאָענטע און טייערע, ווי פאַר זיך אַליין. איך בין אָבער אַזוי איבערצייגט, אַז איך בין גערעכט, אַז אפילו ווען איר וואָלט מיר צוויי מאָל געטויט און ווען איך וואָלט צוויי מאָל ווידער געבאָרן ווערן וואָלט איך ווידער געטאָן דאָס וואָס איך האָב געטאָן ביז איצט.

בריוו פון סאַקאָ און וואַנזעטי

סאַקאָ שרייבט אַ רירנדן בריוו צו זיין זון

טשאַרלסטאָון סטייט פּריזאָן,
אויגוסט 18, 1927.

מיין טייערער זון און חבר:

זינט דעם טאָג וואָס איך האָב דיר געזען, האָב איך געהאַט בדעה דיר צו שרייבן דעם דאָזיקן בריוו, אָבער די לענג פון מיין הונגער-סטרייק און דער געדאַנק, אַז איך וועל זיך מעגליך ניט קענען קלאָר מאַכן, האָט מיר באַוואויגן אָפּצולעגן דעם שרייבן ביז איצט.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָב איך געענדיקט מיין הונגער-סטרייק, און אַזוי שנעל ווי איך האָב עס געטאָן, האָב איך גע-טראַכט פון שרייבן צו דיר, איך האָב אָבער איינגעזען, אַז איך האָב ניט גענוג כח און קען דעם בריף ניט ענדיקן אויף אַמאָל..

איך וויל אַלענפאַלס אָנשרייבן איידער זיי נעמען אונז ווידער אין טויטן-הויז, דערפאַר וואָס איך בין איבערצייגט אַז זיי וועלן אונז דאָרט נעמען אַזוי שנעל ווי דאָס געריכט וועט אונז אָפּזאָגן אַ נייעם פּראָצעס, און אויב קיין זאַך וועט ניט פּאַסירן צווישן פּריימיק און מאָנטיק, וועלן זיי אונז היגריכטן גלייך נאָך האַלבע נאַכט דעם 22טן אויגוסט.

דערפאַר בין איך איצט מיט דיר מיט ליבע און מיט אַן אָפענער האַרץ, ווי איך בין עס געווען נעכטן.

איך האָב קיינמאָל ניט געדענקט, אַז אונזער אומצעשיידבאַר לעבן וועט צעשיידט ווערן, אָבער דער געדאַנק פון זיבן שמערצ-לאַכע יאָר מאַכט אַז עס זאָל אויסזען אַז די צעשיידונג איז שוין געקומען. דאָך האָט דאָס אָבער ניט געענדערט די אומרואיקייט און דאָס האַרץ-קלאַפּן פון ליבע. דאָס איז געבליבן אומפאַר-ענדערט.

נאָך מער, איך זאָג אַז אונזער ליבע איינער צום צווייטן איז איצט נאָך שטאַרקער ווי וועָן פריער.

דאָס איז ניט בלויז אַ סך נאָר אויך גרויס, דערפאַר וואָס

דו קענסט זען די אמת׳ע ברידערלאַכע ליבע ניט בלויז אין פרייד, נאָר אויך, און נאָך מער, אין קאַמף און אין ליידן.

געדענק דאָס, דאַנטע. מיר האָבן עס דעמאָנסטרירט. ניט רעכענענדיק זיך מיט באַשיידנקייט זיינען מיר שטאָלץ דערמיט.

מיר האָבן געליטן דורך דער לאַנגער קרייציגונג. מיר פּראָטעסטירן היינט ווי מיר האָבן פּראָטעסטירט נעכטן. מיר פּראָטעסטירן די גאַנצע צייט פאַר אונזער פרייהייט.

אויב איך האָב אויפגעגעבן דעם הונגער־סטרייק איז עס געווען דערפאַר וואָס עס איז שוין אין מיר ניט געווען קיין צייכן פון לעבן, דערפאַר וואָס איך האָב פּראָטעסטירט מיט מיין הונגער־סטרייק נעכטן ווי איך פּראָטעסטיר היינט פאַר לעבן און ניט פאַר טויט.

איך האָב זיך מקריב געווען דערפאַר וואָס איך האָב געוואָלט צוריק קומען און קענען אַרומנעמען אין מיינע אָרעמס דיין קליינע שוועסטער אינעז און דיין מוטער און אַלע באַליבטע פריינט און חברים פון לעבן און ניט פון טויט. יאָ, מיין זון, דאָס לעבן הויבט היינט אָן אויפצוגיין לאַנגזאַם און שטיל, דאָך אָבער אָן אַ האָריזאָנט און שטענדיק מיט טרויער און מיט זעאונגען פון טויט.

נו, מיין טייערער זון, נאָכדעם ווי דיין מוטער האָט צו מיר גערעדט אַזוי פיל און איך האָב פון דיר גע׳חלומ׳ט טאָג און נאַכט, ווי גרויס איז געווען מיין פרייד דיר ענדליך צו זען, צו ריידן צו דיר, ווי מיר האָבן גערעדט אין די טעג — אין יענע טעג. פיל האָב איך דיר געזאָגט אויף יענעם באַזוך און איך האָב דיר געוואָלט נאָך מער זאָגן, אָבער איך האָב געזען, אַז דו וועסט בלייבן דער זעלביקער ליב קינד, געטריי צו דיין מוטער, וועלכע ליבט דיר אַזוי שטאַרק, און איך האָב מער ניט געוואָלט ווייטאָן דיין עמפּינדלאַכקייט, ווייל איך בין זיכער, אַז דו וועסט ווייטער בלייבן דער זעלביקער, און געדיינקען וואָס איך האָב דיר געזאָגט.

איך האָב עס געוואוסט, און דאָס וואָס איך וועל דיר דאָ איצט שרייבן וועט ווי טאָן דיין צאַרטקייט, אָבער וויין ניט, דאַנטע, ווייל אַ סך טרערן זיינען אומזיסט פאַרגאָסן געוואָרן, ווי די טרערן פון דיין מוטער וואָס זיינען געווען אומזיסט פאַר זיבן יאָר און האָבן קיינמאָל קיין גוטעס ניט געטאָן.

דאַריבער, מיין זון, אנשטאָט וויינען זיי שטאַרק, אום דו זאָלסט קענען טרייסטן דיין מוטער. און ווען דו וועסט וועלן אַרויסשלאָגן דיין מוטער פון קאָפּ די אַנטמוטיקענדע לאַגע, וועל איך דיר זאָגן וואָס איך פלעג טאָן. איך פלעג איר אַרויסנעמען

פאַר אַ לאַנגן שפּאַציר אין אַ שטילער לאַנדשאַפט, רייסנדיק ווילדע בלומען דאָ און דאָרט, רוענדיק אונטער׳ן שאָטן פון ביי־מער, צווישן דער האַרמאָניע פון דעם קלאָרן טייכל און די צאַרטע שטילקייט פון דער מוטער נאַטור, און איך בין זיכער אַז זי וועט דערפון הנאה האָבן און דו וועסט זיכער זיין גליקלאַך פון דעם.

אָבער געדענק שטענדיק, דאַנטע, אין דעם שפּיל פאַר גליק, זע ניט אַלץ בלויז נאָר דיך אַליין, נאָר נידער אַרונטער איין טריט, און העלף די שוואַכערע וואָס ווײנען נאָך הילף. העלף די אונטער־דריקטע און פאַרפאָלגטע, דערפאַר וואָס זיי זיינען דיינע בעסטע פריינט. זיי זיינען די חברים וואָס קעמפן און פאַלן ווי דיין פאָטער און באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי האָבן נעכטן געקעמפט און געפאַלן פאַר דער עראָבערונג פון דער פרייד פון פרייהייט פאַר אַלע אָרימע אַרבעטער. אין דעם דאָזיקן קאַמף פון לעבן וועסטו געפינען מער ליבע, און וועסט געליבט ווערן.

איך בין זיכער, אַז פון דעם וואָס דיין מוטער האָט מיר דער־ציילט, וועגן דעם וואָס דו האָסט געזאָגט אין פאַרלויף פון די לעצטע שרעקלאַכע טעג, וואָס איך בין געלעגן אין דער מורא׳־דיקער טויטן־הויז — די דאָזיקע באַשרייבונג האָט מיר געגעבן גליק, ווייל דאָס האָט מיר געצייגט, אַז דו וועסט זיין דער באַ־ליבטער זון, פון וועלכן איך האָב אַלעמאָל גע׳חלום׳ט.

דערפאַר, וואָס מאָרגן וועט פּאַסירן ווייסט קיינער ניט, אויב זיי וועלן אונז טויטן, טאָרסטו ניט פאַרגעסן צו קוקן אויף דיינע פריינט און חברים מיט דאַנקבאַרקייט, ווי דו קוקסט אויף דיינע באַליבטע, ווייל זיי ליבן דיר ווי זיי ליבן יעדן איינעם פון די געפאַלענע, פאַרפאָלגטע חברים.

איך דיין פאָטער זאָג דיר דאָס, דאָס איז דיין גאַנצער לעבן. דיין פאָטער וואָס האָט דיך ליב, און האָט זיי געזען, און ווייסט פון זייער נאָבעלן גלויבן (דאָס הייסט מיינער אויך), און זייער אויסערגעוויינלאַך מקריב זיין זיך פאַר אונזער פרייהייט ביז׳ן היינטיקן טאָג. ווייל איך האָב געקעמפט צוזאַמען מיט זיי, און זיי זיינען די יעניקע וואָס גיבן אונז נאָך די לעצטע האָפנונג, אַז זיי קענען אונז ראַטעווען פון היינגעריכטעט צו ווערן.

מיין זון, דאָס איז דער קאַמף צווישן רייכע און אָרימע, פאַר רעכט און פרייהייט, וואָס דו וועסט פאַרשטיין אין דיינע צו־קונפטיקע יאָרן, וועגן דעם אומאויפהערלאַכן קאַמף פון אַ קעמ־פער׳ס לעבן.

איך האָב פיל געטראַכט פון דיר ווען איך בין געלעגן אין

טויטן-הויז. דאָס זינגען — די צאַרטע שטימען פון די קינדער פון דעם שפּיל-פּלאַץ, וואו עס האָט זיך געפונען נאָר דאָס לעבן און די פרייד פון פרייהייט — בלויז איין טריט פון וואַנט וואָס האָט אנטהאַלטן די באַגראָבענע אַגאָניע פון דריי באַגראָבענע נשמות. דאָס האָט מיר אַזוי אָפט דערמאָנט אָן דיר און דיין שוועסטער אינעז און איך האָב געוואונשן, אַז איך זאָל אייך קענען זען יעדן מאָמענט. איך פיל אָבער בעסער וואָס דו ביסט ניט געקומען אין טויטן-הויז און דו האָסט ניט געזען דאָס שרעקלאַך בילד פון דריי מענטשן ליגנדיק אין אַגאָניע, וואַרטנדיק פאַר דער הינריכטונג, ווייל איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ ווירקונג דאָס וואָלט געמאַכט אויף דיין יונגער צאַרטער נאַטור.

פון דער צווייטער זייט ווידער, אויב דו וואָלסט ניט געווען אַזוי עמפּפינדלאַך וואָלט עס פאַר דיר געווען שפּעטער גאַנץ נוצלאַך ווען דו וואָלסט געקענט באַנוצן אָט די שרעקלאַכע ער-אינערונג צו צייגן פאַר דער וועלט די שאַנדע פון דעם יאָר-הונדערט און די ברוטאַלע פאַרפאָלגונג און אומגערעכטן טויט. יאָ, דאַנטע, זיי מעגן קרייציקן אונזערע קערפּערס היינט ווי זיי טוען עס, אָבער זיי קענען ניט פאַרניכטען אונזערע אידעאַלען, וועלכע וועלן בלייבן פאַר דער יוגנט פון דער צוקונפט.

דאַנטע, ווען איך האָב געזאָגט דריי מענטשלאַכע לעבנס באַ-גראָבן, האָב איך געמיינט, אַז מיט אונז איז אַן אַנדער יונגער-מאַן מיט׳ן נאָמען סעלעסטינאָ מאַדעיראָס, וועלכער דאַרף היינ-געריכטעט ווערן אין דער זעלביקער צייט מיט אונז. ער איז שוין צוויי מאָל פריער געווען אין דעם שרעקלאַכן טויטן-הויז, וואָס האָט געדאַרפט פאַרניכטעט ווערן מיט די האַמערס פון אמת׳ן פּראָגרעס — יענע שרעקלאַכע הויז, וואָס וועט באַדעקן מיט שאַנדע אויף אייביק די בירגער פון מאַסאַטשוזעטס. זיי וואָלטן באַדאַרפן פאַרניכטן דאָס פּלאַץ און אויפשטעלן אַ פאַבריק אָדער אַ סקול, דאָרט צו לערנען די הונדערטע יתומים פון דער וועלט.

דאַנטע, איך זאָג דיר אָן נאָך אַמאָל צו ליבן און זיין נאָענט צו דיין מוטער און די באַליבטע אין די איצטיקע טרויעריקע טעג, און איך בין זיכער, אַז מיט דיין מוט און גוטסקייט וועלן זיי זיין מער געטרייסט. און דו וועסט אויך ניט פאַרגעסן מיר צו ליבן אביסל. ווייל איך ליב דיך אויך — אָ, מיין זון, ווי אָפט איך דענק פון דיר.

די בעסטע ברודערלאַכע גרוסן צו אַלע מיינע באַליבטע.

ליבעם קושן פאַר דער קליינער אינעז און מאַמע, איך נעם דיך שטאַרק און האַרציק אַרום.

דיין פאָטער און חבר.

נ. ב. — באַרטאָלאָמעאָ שיקט דיר זיין האַרציקסטן גרוס. איך האָף, אַז דיין מוטער וועט דיר העלפן פאַרשטיין דעם דאָזיקן בריף, ווארום איך וואָלט געקענט שרייבן פיל בעסער און פיל איינפאַכער, ווען איך וואָלט געפילט בעסער. איך בין אָבער אַזוי שוואַך.

וואַנזעטי׳ס בריוו צו סאַקאָ׳ס זון, דאַנטע

דאָס איז דער געזעגענונג-בריף פון וואַנזעטי׳ן צו דאַנטע׳ן, סאַקאָ׳ס פערצן-יעריקער זון, געשריבן 30 שעה פאַר דער הינ-ריכטונג.

מיין טייערער דאַנטע:

איך האָף נאָך, און מיר וועלן קעמפן ביז דער לעצטער מינוט, צוריק צו פאָדערן אונזער רעכט צו לעבן און צו זיין פריי. אָבער די גאַנצע מאַכט פונ׳ם שטאַט און די געלט-רעאַקציע איז טויט-לאַך געגן אונז, דערפאַר וואָס מיר זיינען באַפרייער און אַנאַר-כיסטן. איך שרייב ווייניק וועגן דעם דערפאַר, וואָס דו ביזט נאָך צו יונג צו פאַרשטיין די און אַנדערע זאַכן, אין וועלכע איך וואָלט געוואָלט זיך פאַנאַנדערקלייבן מיט דיר.

אויב אָבער דו וועסט זיין גוט, וועסטו אויפוואַקסן און פאַר-שטיין דיין פאָטער׳ס און מיינע פרינציפּן, פאַר וועלכע מיר וועלן באַלד מוזן שטאַרבן.

איך זאָג דיר איצט, אַז אַלץ וואָס איך ווייס וועגן דיין פאָ-טער איז, אַז ער איז ניט קיין פאַרברעכער, נאָר איינער פון די העלדישסטע מענער, וואָס איך האָב ווען געקענט. ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין וואָס איך זאָג דיר: אַז דיין פאָטער האָט מקריב געווען אַלצדינג וואָס איז הייליק און טייער צום מענטשלאַכן האַרץ און נשמה צוליב זיין גלויבן אין פרייהייט און גערעכטיקייט פאַר אַלע. אין יענעם טאָג וועסטו זיין שטאָלץ אויף דיין פאָטער, און אויב דו וועסט זיין בראַוו גענוג, וועסטו פאַרנעמען זיין אָרט אין דעם קאַמף צווישן טיראַניי און פרייהייט און דו וועסט ריינוואַשן זיין (אונזער) נאָמען, און אונזער בלוט.

אויב מיר מוזן איצט שטאַרבן, זאָלסטו וויסן דעמאָלט, ווען דו וועסט זיין פייאיק צו פאַרשטיין די טראַגעדיע אין איר פולסטן

זין, ווי גוט און ווי העלדיש דיין מוטער איז געווען מיט דיר, מיט דיין פֿאָטער און מיט מיר, אין פֿאַרלויף פֿון די אַכט יאָר קאַמף, ליידן, ליידנשאַפֿט און אַגאָניע.

איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אויך מיר גדיינקען ווי אַ חבר און פֿריינט פֿון דיין פֿאָטער, דיין מוטער, אינעז סוזי און דיינער, און איך פֿאַרזיכער דיר, אַז אויך איך בין ניט געווען קיין פֿאַרברעכער, אַז איך בין קיינמאָל ניט באַגאַנגען קיין רויבעריי און ניט קיין מאָרד, נאָר געקעמפֿט באַשיידן, אָפּצושאַפֿן פֿאַרברעכנס צווישן מענטשן און פֿאַר אַלעמענס פֿרייהייט.

גדיינק, דאַנטע, יעדער איינער, וואָס וועט זאָגן אַנדערש וועגן דיין פֿאָטער און מיר איז אַ ליגנער. ער וועט באַליידיקן טויטע מענטשן, וואָס זיינען געווען בראַוו ביי זייער לעבן. גע־דייטק, דאַנטע, און ווייס אויך, אַז אויב דיין פֿאָטער און איך וואָלטן געווען פּחדנים, היפּאָקריטן און רענעגאַטן צו אונזער גלויבן, וואָלט מען אונז ניט פֿאַראורטיילט צום טויט. זיי וואָלטן אַפֿילו ניט האַלטן געפֿאַנגען אַ הונט, אַפֿילו ניט הינגעריכטעט אַ גיפֿטיקע שלאַנג אויף די באַווייזן, וואָס זיי האָבן געבראַכט געגן אונז. זיי וואָלטן געגעבן אַ נייעם טרייעל צו אַ מוטער־מערדער און אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַרברעכער אויף די באַווייזן, וואָס מיר האָבן געהאַט פֿאַר אַ נייעם משפּט.

גדיינק, דאַנטע, זאָלסט שטענדיק גדיינקען אָט די זאַכן: מיר זיינען ניט קיין פֿאַרברעכער, זיי האָבן אונז געפֿאַנגען דורך אַ בלבול. זיי האָבן אונז אַנטזאָגט אַ נייעם טרייעל, און אויב מיר וועלן ווערן הינגעריכטעט נאָך זיבן יאָר, פֿיר מאָנאַטן און זיבעצן טעג פֿון אומדערציילבאַרע מאַטערנישן און פֿאַלשקייטן, איז דאָס נאָר דערפֿאַר וואָס איך האָב דיר שוין דערקלערט, ווייל מיר זיינען געשטאַנען מיט די אָרימע געגן עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פֿון מענטש צו מענטש.

די דאָקומענטן פֿון אונזער פּראָצעס, וועלכע דו און אַנ־דערע וועלן זאַמלען, וועלן דיר באַשטעטיקן אַז דיין פֿאָטער, דיין מוטער, אינעז, מיין פֿאַמיליע און איך, זיינען קרבנות פֿון דער אַמעריקאַנער פּלוטאָקראַטישער רעאַקציע.

דער טאָג וועט קומען, ווען דו וועסט גוט פֿאַרשטיין דעם שוידערלאַכן אינהאַלט פֿון די אויבנגעשריבענע ווערטער, דאַמאָלסט וועסטו אונז ערן.

איצט, דאַנטע, זיי בראַוו און גוט אַלעמאָל.

איך נעם דירך אַרום און קוש דיך.

באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי.

כראָנאָלאָגיע פון דעם סאַקאָ און וואַנזעטי פּראָצעס

1920

מאַי 5. — סאַקאָ און וואַנזעטי ווערן ארעסטירט אויף א טראַמוויי, פאַרנדיק פון וועסט ברידזשוואָטער קיין בראָקטאָן, מאַסאַטשוזעטס.

אויגוסט 16. — וואַנזעטי ווערט אָנגעקלאָגט פאַר מאַכן א פּרווו צו בארויבן א קאַסירער אין ברידזשוואָטער, מאַס., דעם 24טן דעצעמבער, 1919, און ווערט פאַראורטיילט פון ריכטער טהייער אין פּלימוט, מאַס., אויף צוועלף ביז פופצן יאָר טורמע.

סעפּטעמבער 11. — סאַקאָ און וואַנזעטי ווערן באַשולדיקט אַלס די הויפּט אָנטיילנעמער אין דעם מאָרד, וואָס איז פאָרגעקומען אין סאַוט ברײנטרי, דעם 15טן אַפּריל, 1920, ווען ס׳איז לעבן דער שיך פאַבריק פון סלייטער און מאָרעלי קאָמפּאַני גע־הרג׳עט געוואָרן דער קאַסירער פון דער פאַבריק, פרעדעריק פּאַר־מענטער, און זיין וועכטער, אַלעקסאַנדער בעראַרדעלי. די 15 טויזנט דאָלאַר, וואָס זיי האָבן ביי זיך געהאַט, איז צוגערויבט געוואָרן.

1921

מאַי 31. — סאַקאָ און וואַנזעטי ווערן געשטעלט צום משפט אין דעדהאַם, מאַס., פאַר ריכטער טהייער. זיי ווערן אָנגעקלאָגט אין ערשטן גראַד מאָרד.

יולי 14. — נאָך א בעראַטונג פון פינף שעה, געפינט די דזשורי סאַקאָ׳ן און וואַנזעטי׳ן שולדיק אין ערשטן גראַד מאָרד.

*אָקטאָבער 12. — די פּאַריזער ארבעטערשאַפט פירט דורך

---

* מיר גיבן בלויז אַ קליינע רשימה פון די פּראָטעסטן, דעמאָנ־סטראַציעס און גענעראַל סטרייקס, וואָס זיינען פאָרגעקומען געגן דער הינריכטונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי, ווייל ס׳איז פשוט ניט מעגלאַך אויסצורעכענען אין אַ כראָנאָלאָגיע די אַלע לענדער און שטעט. ס׳איז אָבער וויכטיק צו באַמערקן, אַז ס׳איז ניט פאַראַן קיין איין טייל אין דער וועלט, אַריינגערעכנט די פאַרוואָרפנסטע אינזלען, וואו ס׳זאָל ניט האָבן פאַרגעקומען פּראָטעסט דעמאָנסטראַציעס פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי. אויך אין אַמעריקע איז כמעט אין יעדער שטאָט אָפּ־געהאַלטן געוואָרן דעמאָנסטראַציעס, איבערהויפּט אין די שטעט, וואו ס׳איז פאַראַן אַ לינקע באַוועגונג.

א גרויסע פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע געגן דעם אורטייל איבער סאַקאָ און וואַנזעטי. די דעמאָנסטראַציע ווערט צוטריבן פון דער פּאָליציי. צוואַנציק ארבעטער ווערן פאַרוואונדעט.

אָקטאָבער 30. — די ארבעטער פון קובא פירן דורך א גרויסע פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע, אין פראָנט פונ׳ם אמעריקאַנער קאָנסול, און פאָדערן די באַפרייאונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי.

דעצעמבער 24. — ריכטער טהייער וויזט צוריק א פאַר-לאַנג פאַר א נייעם משפּט איבער סאַקאָ און וואַנזעטי.

1922

יאַנואַר 1. — די פאַרטיידיקונג לאָזט וויסן, אז זי האָט געקראָגן נייע באַווייזן, אז סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען אומשולדיק.

מאַרטש 23. — די ארבעטער פון סאָפיא, בולגאַריע, וואָרע-נען דעם אמעריקאַנער קאָנסולאַט, אז זיי וועלן ניט שווייגן, אויב דער אמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס וועט וואַגן היגריכטן די צוויי מאַרטירער, סאַקאָ און וואַנזעטי.

1923

פעברואַר 16. — סאַקאָ הויבט אָן א הונגער-סטרייק אין נאָרפאָלק קאַונטי טורמע. דער סטרייק האַלט אָן 30 טעג.

1924

אָקטאָבער 1. — ריכטער טהייער זאָגט אָפּ פינף פאָרשלאָגן פון דער פאַרטיידיקונג בטל צו מאַכן דעם אורטייל פון דער דזשורי איבער סאַקאָ און וואַנזעטי.

נאָוועמבער 21. — וויליאַם ג. טהאָמפּסאָן, געוועזענער דיס-טריקט אַטוירני פון באָסטאָן, נעמט איבער די פאַרטיידיקונג. די פאַרטיידיקונג גיט אריין אין געריכט א „ביל אָף עקסעפּשאָנס“, מעגלאַך צו מאַכן די צוגרייטונג פאַר א נייעם משפּט.

1926

יאַנואַר 10. — סעלעסטינאָ מאַדעיראָס, א פאַר׳משפּט׳ער קרימינעלער פאַרברעכער, דערקלערט אז ער האָט געזען ווי דער מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרן פון די מאָרעלאָ גענג פון פּראָווי-

דענס, ראָוד איילאַנד.

מאַי 12. — דער סטייט סופּרים קאָורט ווייזט צוריק דעם „ביל אָף עקסעפּשאָנס“, און זאָגט זיך אָפּ צו געבן סאַקאָ׳ן און וואַנזעטי׳ן אַ נייעם משפּט. דער געריכט האַלט, אַז סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען גערעכט פאַראורטיילט געוואָרן.

סעפּטעמבער 13. — די פאַרטיידיקונג פאַרלאַנגט אַ נייעם משפּט אויפ׳ן גרונט פון מאַדעיראָס׳עס ווידוי.

אָקטאָבער 21. — ריכטער טהייער ווייזט צוריק דעם פאַרלאַנג פאַר אַ נייעם משפּט.

נאָוועמבער 19. — צוואַנציק טויזנט אַרבעטער פילן אָן דעם מעדיסאָן סקוועער גאַרדן, אין ניו יאָרק, און פאָדערן אַז דאָס מאַסאַטשוזעטסער געריכט זאָל באַוויליקן אַ נייעם משפּט פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי.

1927

יאַנואַר 27. — די לאָיערס פון דער פאַרטיידיקונג אַרגומענטירן פאַר די ריכטער פון סטייט סופּרים קאָורט, און מאַכן אויסזעצונגען וועגן ריכטער טהייער׳ס האַלטונג אויפ׳ן סאַקאָ און וואַנזעטי פּראָצעס.

אַפּריל 5. — דער סטייט סופּרים קאָורט ווייזט צוריק אַלע אויסזעצונגען, און זאָגט זיך אָפּ צו באַוויליקן אַ נייעם משפּט.

אַפּריל 9. — ריכטער טהייער באַשטימט, אַז סאַקאָ און וואַנזעטי זאָלן שטאַרבן אויפ׳ן עלעקטרישן שטול דעם 10טן יולי, 1927.

אַפּריל 16. — צוואַנציק טויזנט אַרבעטער פירן דורך אַ פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע אויף יוניאָן סקוועער, אין ניו יאָרק.

אַפּריל 23. — גאָווערנאָר אַלוואָן ט. פולער הויבט אָן אונטערזוכונג וועגן דעם סאַקאָ און וואַנזעטי ענין. ער באַשטימט אַ קאָמיסיע פון דריי: פּרעזידענט לאָועל, פון האַרוואַרד אוניווערסיטעט; פּרעזידענט סטראַטאָן, פון מאַסאַטשוזעטסער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, און ראָבערט גרענט, געוועזענער ריכטער, ארויסצוהעלפן אים אין דער אונטערזוכונג.

יוני 29. — גאָווערנאָר פולער לייגט אָפּ די הינריכטונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי, אויך פון מאַדעיראָס, אויפ׳ן 10טן אויגוסט.

יולי 7. — אַ פערטל מיליאָן אַרבעטער אין ניו יאָרק גייען ארויס אין אַ איין שעה-דיקן גענעראַל סטרייק. איבער 25 טויזנט אַרבעטער פירן דורך אַ דעמאָנסטראַציע אויף יוניאָן סקוועער.

אויפ׳ן פאַרלאַנג פון די סאָציאַליסטישע פאַרטיי-פּאָליטישנס ווערט די דעמאָנסטראַציע צוטריבן פון דער פּאָליציי.

יולי 17. — סאַקאָ און וואַנזעטי הויבן אָן אַ הונגער-סטרייק.

אויגוסט 4. — פופצן טויזנט סיגאַר מאַכער אין טאַמפּאַ, פלאָרידאַ, גייען אַרויס אין אַ 24-שעה׳דיקן גענעראַל סטרייק פאַר דער באַפרייאונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי.

די אַרבעטער פון מאָסקווע פירן דורך ריזיקע פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציעס, און דערקלערן, אַז סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען פאַר׳משפּט געוואָרן צום טויט, ווייל זיי זיינען שונאים פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

אויגוסט 8. — דער סופּרים דזשודישאַל קאָורט פון מאַסאַטשוזעטס זאָגט זיך אָפּ אַרויסצוגעבן אַ „הייבּוס קאָרפּוס" אָפּצוהאַלטן די הינריכטונג. ריכטער טהייער זאָגט אָפּ אַ פאָרשלאַג פאַר אַ נייעם משפּט.

אויגוסט 9. — ריכטער טהייער זאָגט אָפּ אַ פאַרלאַנג אָפּצולייגן די הינריכטונג.

עטלאַכע הונדערט טויזנט אַרבעטער אין ניו יאָרק פאַרלאָזן די פאַבריקן 10 אַזייגער אין דער פרי און גייען אַרויס אין אַ גענעראַל סטרייק. אַרום פופציק טויזנט אַרבעטער נעמען אַנטייל אין אַ פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע אויף יוניאָן סקווער.

אויגוסט 10. — פּראָטעסטן, דעמאָנסטראַציעס און גענעראַל סטרייקס קומען פאָר אין אַלע טיילן פון דער וועלט.

צוואַנציק מינוט פאַר דער הינריכטונג לייגט גאָווערנאָר פולער אָפּ די הינריכטונג ביז׳ן 22טן אויגוסט.

אויגוסט 11. — ריכטער סענדערסאָן באַשליסט, אַז די פראַגע וועגן אַ נייעם משפּט פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי זאָל פאַרהאַנדלט ווערן פאַר דעם פולן געריכט. וואַנזעטי גיט אויף דעם הונגער סטרייק.

אויגוסט 15. — סאַקאָ פאַרענדיקט דעם הונגער סטרייק, ווייל ער ווערט געסטראַשעט, אַז מען וועט אים שפּייזן מיט גוואַלד.

אויגוסט 16. — די פאַרטיידיקונג אַרגומענטירט פאַר דעם סופּרים דזשודישאַל פולן געריכט פאַר אַ נייעם משפּט, אויפווייזנדיק, אַז ריכטער טהייער האָט געהאַט אַ פאָראורטייל נעגן סאַקאָ און וואַנזעטי.

אויגוסט 19. — דער סופּרים דזשודישאַל קאָורט ווייזט צוריק אַלע פאַרלאַנגען און אויסזעצונגען פון דער פאַרטיידיקונג.

אויגוסט 20. — ריכטער אָליווער וועגדל האָלמס, מיטגליד

פון העכסטן געריכט פון לאַנד, זאָגט אָפּ דעם פאַרלאַנג פון דער פאַרטיידיקונג אַרויסצוגעבן אַ „הייבוס קאָרפּוס“, אָפּצוהאַלטן די הינריכטונג. גאָווערנאָר פולער זאָגט זיך אָפּ ווייטער אָפּצולייגן די הינריכטונג.

אויגוסט 21. — לואיס ד. בראַנדייס, מיטגליד פון העכסטן געריכט פון לאַנד, זאָגט אָפּ דעם פאַרלאַנג פון דער פאַרטיידיקונג אָפּצוהאַלטן די הינריכטונג.

אויגוסט 22. — אין אַלע טיילן פון דער וועלט ווערט דורכגעפירט גענעראַל סטרייקס און פּראָטעסט דעמאָנסטראַציעס. די ניו יאָרקער אַרבעטער פאַרלאָזן די פאַבריקן 3 אַזייגער בייטאָג, און מאַרשירן אויף יוניאָן סקוועד.

ראָזע סאַקאָ, סאַקאָ'ס פרוי, און לואידזשיא וואַנזעטי, וואַנזעטי'ס שוועסטער, ווענדן זיך צו גאָווערנאָר פולער, אַז ער זאָל באַגנאַדיקן סאַקאָ און וואַנזעטי. גאָווערנאָר פולער זאָגט אָפּ דעם פאַרלאַנג.

צען טויזנט אַרבעטער וואַרטן אויף יוניאָן סקוועד אין ניו יאָרק, ביז נאָך האַלבע נאַכט, ווען די הינריכטונג דאַרף פּאָרקומען.

נאָך האַלבע נאַכט, פון 22טן אויפ'ן 23טן אויגוסט, ווערן סאַקאָ און וואַנזעטי הינגעריכטעט אויפ'ן עלעקטרישן שטול אין טויטן-הויז פון דער טורמע אין טשאַרלסטאָן, מאַסאַטשוזעטס.

„מיר שטאַרבן פאַר דעם צוקונפטיקן נצחון" — זאָגן די צוויי ארבעטער מאַרטירער

(אַרויסגעשיקט דעם 21טן אויגוסט, 1927)

„מאָרגן ביינאַכט וועלן מיר הינגעריכטעט ווערן, סיידן די הינריכטונג וועט ווידער אָפּגעלייגט ווערן דורך דעם יונייטעד סטייטס סופרים קאָורט אָדער דורך גאָווערנאָר אַלוואַן ט. פולער.

„מיר האָבן ניט קיין האָפנונג. היינט אין דער פרי איז אונזער מוטיקער פאַרטיידיקער און פריינט, מייקל מוסמאַנאָ, געווען דאָ נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון וואַשינגטאָן. אויך ראָזאַ און לואידזשיא זיינען דאָ געווען היינט אין דער פרי און האָבן צוגעזאָגט צו קומען היינט נאָכמיטאָג.

„אָבער עס איז שוין 5:30 נאָכמיטאָג און קיינער איז נאָך ניט געקומען. דאָס זאָגט אונז, אַז עס איז ניטאָ קיין גוטע נייעס. דאָס זאָגט אונז כמעט, אַז אַלע זייערע פאַרזוכן זיינען דורכגעפאַלן און אַז זיי פאַרברענגען נאָך די איבערגעבליבענע עט-לאַכע שטונדן אין פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג צו פאַרמיידן אונזער הינריכטונג.

„מיט איין וואָרט, מיר פילן זיך פאַרלאָרן. דאָס וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן און מיר מוזן שטאַרבן פאַרקלענערט ניט אונזער אָנערקענונג און אונזער דאַנקבאַרקייט פאַר אייער גרויסער סאָ-לידאַריטעט מיט אונז און מיט אונזערע פאַמיליעס.

„בלויז צוויי פון אונז וועלן שטאַרבן — אונזער אידעאַל, איר, אונזערע חברים וועלן לעבן אין די מיליאָנען. מיר האָבן געוואונען, מיר זיינען ניט באַזיגט.

„באַהאַלט לדורות אונזערע ליידן, אונזער טרויער, אונזערע פעלערן, אונזער נידערלאַגע, אונזער ליידנשאַפט פאַר די צו-קונפטיגע שלאַכטן פאַר דער גרויסער באַפרייאונג.

מיר אומאַרמען אייך אַלע און זאָגן אייך אונזער טיפסטן „זייט געזונט", איצט און שטענדיק, לאַנג לעבן אייך אַלעמען, לאַנג לעבן זאָל די פרייהייט!

„אייערע אין לעבן און טויט,

באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי
ניקאָלאַ סאַקאָ.

אינהאַלט

זייט

פרייהייט ליד — באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי — — — 6
סאַקאָ־וואַנזעטי — אַ לערע, מלך עפּשטיין — — 7-22
צוויי לידער — באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי — — — 23
געשיכטע פון די צוויי מאַרטירער — — — — — — 25-44
היסטאָרישע רעדעס פון סאַקאָ און וואַנזעטי — — 45-60
סאַקאָ און וואַנזעטי'ס בריף צו דאַנטע — — — — 61-66
כראָנאָלאָגיע — — — — — — — — — — — — 67-71
דער לעצטער בריף צו די חברים פון סאַקאָ און
וואַנזעטי — — — — — — — — — — — 72

בילדער און צייכנונגען

די „גערעכטיקייט" (צייכנונג) — וויליאַם גראָפּער — 1
פאַקסימיליע פון סאַקאָ'ס אַ בריף — — — — — 2
ניקאָלאַ סאַקאָ (בילד) — — — — — — — — 3
פאַקסימיליע פון וואַנזעטי'ס אַ בריוו — — — — 4
באַרטאָלאָמעאָ וואַנזעטי (בילד) — — — — — 5
דער אמת'ער מערדער (צייכנונג) — פּאַס — — — 24
ראָזע סאַקאָ (בילד) — — — — — — — — — 44
דער לעצטער פּאַדעם (צייכנונג)—וויליאַם גראָפּער — 51
דער טויטן אָרון (בילד) — — — — — — — 58
דער שער־בלאַט איז געצייכנט פון וויליאַם גראָפּער

די ליטעראַטור וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ענגליש וועגן סאַקאָ-וואַנזעטי פּראָצעס

דהי קייס אָף סאַקאָ ענד וואַנזעטי — — פעליקס פראַנקפורטער
פעיסינג דהי טשער — — — — — — — דזשאָן דאָס פּאַסאָס
אַנטאָלאָגיע פון לידער — — — געזאַמלט פון העררי העריסאָן
אוטסטענדינג פיטשורס — — — — — — — מרס. עווינס
דהי טרייעל אָף סאַקאָ ענד וואַנזעטי — — — — — בערנהיימער
טו וואָירלדס — — — — — — — — — — — — דר. קאָהן
קוועסטשאָנס ענד אַפּיל — — — — — — — — — דר. קאָהן
בוק אָף קאַרטונס — — — אַרויסגעגעבן פון דיילי וואָרקער

Astoria Press, 61 E. 4th Street, N. Y.